STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05414

DUALIZM

B. Daymondshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דואַליזם

אַ לידער-זאַמלונג

1959—1910

ב. דיימאָנדשטיין

עס פעלט מיר די אַראָטאַ.
דערפאַר בין איך אַן אַסקעט;
עס גיסט זיך פיל מאָל אַנטשאַר *
פון יעדן וואָרט, וואָס כ'רעד.

כ'באָרע זיך מיט דואַליזם
און מיט וואָרט אַן אַקראָבאַט,
און איך ווייך פון אָרנאַמענט,
פון יוגנט אַן, סם דער אַראָמאַט.

* פלאַנץ־גיפט.

פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן"
טאָהאָנגאַ, קאַליפאָרניע

1959

ביכער ביז איצט פון דיימאנדשטיין

לידער:

„הערבסט בלומען"; — „טאָג און נאכט".
„קינדער לידער"; — „לא תרצח".
„זאנגען פון מיין פעלד"; „ערשטע טריט".
„פאבלען": — „אנטאלאָגיע פון ענגלישע פּאָעזיע";
„סאָנעטן" ; „דואליזם". „באלאדע פון [illegible]"

ראָמאַנען:

„וואוקאנען אינזל"; „רוף אין זיך".
„איבער אונדזער קראפט"; — „קעגן שטראָם".
„ווילנע"; — „אמעריקע".
„געזאמלטע שריפטן".

דראַמעס:

„נייע וועלטן"; — 4 איינאקטערס.
„כוח פון ליבע"; — „פארלאָזענער זיג".
„אין די שטורעם טעג": „9 איינאקאערס", באנד 1
„12 איינאקטערס") ב. 2; „דריי טראגעדיעס", ב. 3.

העברעאישע ביכער:

„אי געש"; — „אשר דרמות"; — „עלים מגני".

BOOKS IN ENGLISH

"CALL WITHIN" – "BEYOND HUMAN POWER" –
"EIGHT SHORT PLAYS" – "SONNETS" –
"FABLES" – "LEAVES FROM MY ALBUM" –
"YOCKEL MELAMED" – "PROPHET" –
"DUALISM" – "IT HAPPENED IN NEW YORK" –
"UTOPIA"

אַלע רעכט באַלאַנגט צום מחבר.

צייכענונגען פון מחבר.

דואַליזם

●

אַמאָל און איצט

אַמאָל ער זאָגט: מיין פּנים אָפּגעקערט, פאַרשעמט,
לאַנגער נאָז געררייצט האָט יעדן קריסט.
אָן אַ ברעקל שטאָלץ און פאַרטעמט
פון יעדן בליק — נידעריק ביז צו מיסט . . .

איצט: אַ דאַנק דיר מדינת ישראל,
אַ דאַנק! האָסט מיין קאָפּ געהויבן — אַ מענטש!
מיין דענקען האָט באַקומען, אַ געדאַנק: —
אל-מלא-רחמים — זיי געבענטשט!

געוועזן: אַ וואַנדערער געווען, אַ פאַרשעמטער,
אַ פּוס-בענקל פאַר יעדן כוליגאַן:
וויי, וויי איך שעם זיך — אַ פאַרשעמטער —
נאַ-ונד געווען מיין יעדער שפּאַן.

און איצט: מיין לאַנגן נאָז האַלט איך פאַר אַ שיינעם,
וואו כ'קום, טראָג איך אים אָקעגן,
מיט שטאָלץ — שעם זיך ניט פאַר קיינעם:
זאָל דער שונא ישראל זיך אויפהענגען.

זיי ווי די פייגל

זינג מיין ליד, פאַל נאָר נישט אַרונטער,
ביסט נישט דער ערשטער זינגער,
וואָס ווערט פאַרשעמט — ביז צונטער.
וואָס ווערט פאַרטייטלט מיטן פינגער! —
מוטיק גיי, און זינג מוטיק דיין ליד:
ביסט אַ זינגער, אַ יידישער, אַ ייד!

זינג, ווייל געבאָרן ביסטו אַ זינגער;
נישט אַרן זאָל דיך דער אַרום:
הער זיך נישט צו צו בייזע צינגער,
פאַרהער זייער חיהשן ברום.
קוק, דער זינג-פויגל, ער זינגט זיין טאָן —
הגם פון אים שפּאָט די קראָ און האָן.

ער זינגט, ער פרייט זיך, צעלאָזט זיין געזאַנג
און דאַנקט גאָט, וואָס האָט אים געבענטשט
מיט טענער, מיט זיסע, מיט פידל-קלאַנג,
וואָס וועקט מיט ליבע אין הארצן פון מענטש.
ער זינגט ווייל ס׳זינגט זיך — אַ שירה צו גאָט —
אים קימערט ניט מבינים, וואָס קרימען מיט שפּאָט...

לערן זיך פון פויגל, וואָס האָט אין זיין מויל
טענער, וואָס רעדן צו מענטשלעך געשמאַק;
וואָס היילן פון צווייפל, דעם יאָכיקן גרויל
און גרינגערט די וואָג פון אומעט דעם פּאַק: —
עס זיך דאָס הארץ ניט, ס׳האָט ניט די ווערט:
זיי ווי דער פויגל: מ׳הערט דיך, מ׳הערט!...

שן תחת שן

פון וועמען האָסטו דעם אוי געירשנ׳ט?
ווער האָט דעם זיפץ אין דיר פאַרזייט?
ווער האָט דעם יאָך אויף דיר געהייקערט,
מיט זאַלציק שוויים, אין מויל דיין ברויט?
ווער האָט דעם פּחד אין דיינע אויגן
אַנגעגאָסן, מיט פאַרקאַכטן בלוט?
בלאַסער, ווער האָט דיין בלוט געזויגן?
ווער האָט געבויגן צו דר׳ערד דיין מוט?

ווער האָט דיין מענטשלעכקייט צעטראָטן,
נידעריקער ווי ערד, פון טראָט?
גאָט, וואו זיינען דיינע געבאָטן?
אויב דערלאָזט עס, צי ביסטו, גאָט?
זאָלן זאָגן אַנדערע — גם זו לטובה!
ניין, נישט איך: ווען וויי, טוט וויי!
דאָס פאָסן ווערטער פאַר אַן אַלטער נקבה —
איך באַלאַנג נים צו יענע, זיי!...

— איך גלויב: אין „שן תחת שן”!
— איך גלויב: אין „עין תחת עין”!
— אויב מלחמה? בין גרייט אַקעגן גיין —
זיך קעגן שטעלן, דעם מערדער קין!...
ניין! איך וויל נישט — „גם זו לטובה”:
בעסער זיין „אַ טויטער לייב” —
ביז בלוט איך בין אַ תובע,
צו מיין ווייטיק בין נישט טויב!...

נישט געצייטיקט

נישט געצייטיקט, בין איך שוין אין יאָך געגאַנגען,
אויף שוואַכע ביינער שווערן יאָך געטראָגן.
נאָך יונגערהייט פון הויכע אידייען געפאַנגען —
עד־היום שלעפּ פון בלאָטע וועלט־אידייען־וואָגן . . .

ס׳האָט צייט מיך פאַרפירט אויף קרומע וועגן,
גענאַרט פון פאַלשע הבטחות . . .
אָבער אויסגעלייטערט בין איך — איצטער מעגן
מיינע אָפּגענאַרטע קללות זיך בייטן אין ברכות . . .

קומט, שטייט אויף, איר ליכטיקע אידעאַלן,
ברענגט פאַרשקלאַפטע מענטשהייט צו איר גליק,
און זאָל זון, גלייך, פאַר אַלעמען אויפשטראַלן
און פרעמד אַ טרער זאָל זיין אין מענטשנס בליק . . .

האָב אַ וועלט באַרייזט

האָב אַ וועלט באַרייזט, האָב אַ וועלט געזען —
דאָס אַלץ באַווייזט, אַז ס׳איז גאָרניט געשען!
האָב גאָרניט געלערנט, פון מענטשן־קלימאַטן
און גאָרניט גענערט דעם מוח דעם מאַטן.

וואָס מערער איך זע, די וועלט אַזוי גרויס,
זאָג איך זיך — בע: — האָב געמיינט, אַז איך ווייס!
טומפּ ווי אַ האַלץ, האַרט ווי אַ שטיין
בייג איך מיין שטאַלץ און שעם זיך אַליין.

עם־ישראל איז באַפרייט

דריי זיך, ווייזערל, היטער פון שעה.
באַלד שלאָגט אוים די ריכטיקע צייט;
מינוטן און שעהען, זיי לויפן אין יאָרן:
מיר ווערן באַפרייט!

דריי זיך, ווייזערל, דריי זיך, רעדעלע,
פאַרגאַנגענהייט שטייט הינטן ווייט:
אַ גליקלעכע נייע תקופה דערשיינט אונדז,
מיר ווערן באַפרייט!

דריי זיך ווייזערל, וועק מיט דיין טיק,
פאַרשקלאַפטע, דערשלאָגענע לייט.
וואָס לעבן און האָפן פאַר אייגענעם ווינקל:
צו ווערן באַפרייט!

זייגערל ווייזערל, שלאָג אוים די שעה,
זאָל זיך הערן גאָענט און ווייט:
איך הער שוין די טריט: ישראלס ארמייען: —
עם־ישראל — איז באַפרייט!

1948

צו איינעם אַ פּאָעט

האָסט פּרעמדע פּערל געצויגן אויף דיין פאָדעם,
פּרעמדע דימאַנטן געפּאַסט אין דיין רינג;
אין קאַפּייען זיך געשפּילט, דערנאָכדעם,
ווי דיינס וואָלט דאָס געווען אַלצדינג.

ביסט אַ פּוצער, אַ שלייפער פון פרעמדע,
קיין אייגן כוח פאַרמאָגסטו אין זיך;
מיין גלויבן אין דיר איז אַ לעגענדע —
איידער שאַפסט וואָס גיסטו אויף גיך.

קוקסט אין שפּיגל אויף פּנימער פרעמדע,
טוסט אָן אַ מאַסקע אין איינעם פון זיי:
קוקסטו דאַן אויס ווי יענטע טעלעבענדע —
וואָס גריזשעט איעדן אין זיך ביזן ווייי . . .

ניט זיכער דיין טראָט — ביסט ניט זיכער:
דענקסט ביסט אַ „ווילאָן” — ”דאָן-קיכאָט”!
יאָרן לויפן, איבעריאָגן דיך גיכער,
וואָס לאָזסטו איבער? באַריידונג און שפּאָט!

טראַכט איך: וואָלט ניט געווען בעסער,
אַ האַמער וואָלט געגעבן דיר ברויט:
זוך ניט קיין כבוד, קיין גאָלדענעם כסר —
אַרבעט האָט פאַרמשפּט קרוינען צום טויט!

פאַרגעס

זינג, מיין האַרץ, זינג פון פרייד,
וואָס דו טראָגסט טיף אין זיך;
פאַרגעס דעם נעכטן, פאַרגעס די לייד;
קוק, דו טראָגסט שוין נייע שיך!

פאַרגעס די קעלט, פאַרגעס דעם הונגער,
פאַרגעס דעם שלאָפן אויף דער באַנק;
עסט צו זאַט, שלאָפסט אויף אַ ווייכע בעט:
צו גאָט אַ ברכה און אַ דאַנק.

פאַרגעס דעם וויטיק, קאָמפּראָמיטירן;
טראַכט פון פריילעכן — אַצינד:
לאָז פון האַס זיך ניט פאַרפירן,
מיט צאַרטער האַנט זיך פאַרבינד.

וואַרף די שטיינער אָפּ פון וועג,
ס'האָט געשטערט דיר אין דיין גאַנג;
ס'איז דיין הימל, מיט ליכטיקע טעג —
ס'איז דיין טראָט, פול מיט געזאַנג.

פאַרגעס דעם נעכטן, ס'לעבט דער היינט.
די וואָלקנס זיינען מער ניטאָ:
איצט, איעדער איז דיין פריינט —
געזאַנג אין לעבן איז דיין שעה! . . .

ווי לאַנג וועט עשו . . .

עס טליעט באַהאַלטן אַ פונק אין מיין האַרצן,
אין אַש פון מיין קינדהייט ז׳וויל ניט פאַרלעשן,
און וויברירט אין דעם אַשיקן, גרויאיקן שוואַרצען —
און וועבט אין זכרון און לאָזט ניט פאַרגעסן . . .

אַט שטייט מיר אַקעגן אַ פלאַמיק מצוה
און רייסט אינם מוח און שניידט פאַר די אויגן;
אַ צעעפנטער בויך פון אַ יונגער נקבה —
ביים זייט אַן עופהלע פון טויט-ברוסט זוכט זויגן . . .
דאָס איז געווען אין תקופה פון צאַר ניקאָלאַי,
דאָס האָבן מיינע אויגן געזען אַליין.
און סע שניידן די בילדער אין חלום — און שריי: —
גאָט! עד מתי? — און פאַרגיי אין געוויין.

עס זיינען שוין פאַרשוואַומען פיל צענדליקע יאָרן
ס׳לאָזט ניט פאַרקילן מיין טרער, מיין געוויין:
און היטלער האָט אָפגעווישט גאַנצענע דורות —
נאָר דעם אָפענעם בויך, ווי אַ מצבה זע שטיין! . . .

קינדערשע יאָרן, איר זייט געווען פאַר׳סמ׳טע
פון האַס צו דעם ייד אין לאַנד פון דעם צאַר.
עס ליגט איינגעשניטן אין מוח פאַרקאַמטע —
עס לאָזט ניט איינשטילן אין זכרון דערפאַר!

דערפאַר גלויב איך ניט גויים, טרוי ניט אין זיי.
דער עשו, ער וויל ניט, אַז יעקב זאָל לעבן;
טראָג איך אומצוטרוי מיט אַ שניטיקן ווי —
ווי לאַנג וועסטו, עשו, די שטריק פאַר אונדז וועבן?

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1911, און אין 1946 זיינען צוגעגעבן געוואָרן אַ פּאָר פּערזן.

ס׳איז א שפּיל פון טיוול

קלוג ז׳דער מענטש, וואָס געדולדט זיין ציל.
יענער ז׳גיבענטשט — נאָר נישטאָ זיינען פיל.
קלוג ז׳דער מענטש, וואָס יאָגט ניט נאָך געלט,
יענער ז׳געבענטשט — יענער לעבט די וועלט . . .

עסן ברויט מיט זאַלץ, אבער רואיק, שטיל,
צו פאַרכאַפּן אַלץ איז אַ טייוול-שפּיל.
כאַפּ-לאַפּ, געאייל, ס׳איז אַ מיאום סוף:
אַם ערשט גאָר אַ וויל און דער אייביק שלאָף . . .

וואויל איז יענעם, וואָס וויל ניט פיל;
ער וועט אַלעס האָבן, אַלץ געניסן:
אַ לעבן רואיק — אַ וואַסער שטיל —
אַדורך — אַ וואַלד — צווישן.

יאָגן זיך נאָך געלט — נאָך רייכטום:
הו-האַ טאָג און נאַכט ? !
דאָס איז אַ שפּיל פון טייוולטום ! . . .
צום גאָלד אַ שקלאָף געמאַכט ! . . .

איך טרייסט זיך מיט ווערטער

איך טרייסט זיך מיט ווערטער, כ׳פאַררעד זיך די ציין.
כ׳דערמאָן זיך די ערטער, ווען כ׳בין געווען קליין.
ווען שיין אַלץ געווען איז, ווען אַלץ האָט געבליט.
אַוועק און פאַרזען האָב מיינע גליקלעכע טריט . . .

מיין הונט בלעקי

מיין טייערער פריינט, בלעקי, מיין הונט,
דיינע אויגן גלעטן ווי קינדערשע הענט.
קוקסט און ווארטסט פאר מיין באפעל,
וואלסט פאר מיר לעבן געגעבן — געקענט.

א היטער, א וואכער און געטרייער,
שפאנסט נאך מיין יעדן טראט:
ס'האט דיר, גאט, ארײנגעגעבן
איבערגעבנקייט צום מענטש, ווי א געבאט.

דו פארשטייסט מיין בליק,
פארשטייסט אויך מיינע רייד:
ווען דו וואלסט א לשון געהאט,
וואלסט מיט ליבע, מיט פרייד

פון דיין איבערגעגעבנקייט און
פון דיינע גוטע אויגן, וואלטן טרערן
געטריפט, און אין דיין האווקען
א דערקלערונג וואלט איך הערן.

קיין אמתער פריינט, ווי א הונט,
קאן קיין מענטש און קיין ווייב
ניט זיין; קיין ברודער, קיין שוועסטער;
זיי איז טייער אייגן-לייב.

אבער דו ביסט גרייט מיט דיין לעבן
צאלן פאר מיינס א האר;
ניטא קיין מענטשלעכער פריינט, ווי דו —
דיין טרייקייט איז זיכער און ווארַ.

דער פרילינג אַוועק

אין פרילינג האָב איך מיינע פּירות געזייט,
ערד אויפגעריעט, באַמיסטיקט מיט הנאָי;
וואַסער באַזאַפּטיקט, ווי אין ביכער שטייט:
פונקט ווי אין בוך געטאָן האָב אַזוי.

מיין מי האָט ניט געפליגלט, נצחון,
ס'האָט מיר דער אויפברויז געפעלט.
מיין אָנטרינקען זיך מיט בטחון,
האָט מיר ווער מיט אַן אָפּצאַם פאַרשטעלט.

ניט אויפגעפלאַמט האָט מיר מיין געביין,
מיין עקסטאַזש — אָנטמוטיקט!
און האָפענונגלאַז מיין ווייטער גיין
און כל מיין טאָן, נישט-געגוטיקט . . .

לאַנג, שוין לאַנג, איז דער פרילינג אַוועק,
דער זומער אין שקיעה צערונען;
הערבסט האָט געשימלט ביזן דעק,
שטאַם האָט וואָרעמקייט ניט געפונען . . .

די זאַווערוכע איז גרויס אין ווינטער,
גרוי איז דער הימל און ווייס איז די ערד:
איצט קוקן געדאַנקען, ווייט, אַהינטער,
ווי אַ באַן גייט פאַרביי. אַזוי מיר באַשערט.

גיי מיט אמת

וועב פון וואָרט, אַ גאָלדן־קייט,
רינג אין רינג, זאָל ריטמיש פּאַסן
צום מילימיטער־פּונקט די ברייט,
אין גלייכע לאַנגע פּאַסן.

וועב דיין וואָרט און פייל און שטעל,
ווי דימענט זאָל ער שטראַלן,
דורכגעווייקט, ריין זאָל זיין דיין זעל,
ווי פון מים־חיים קוואַלן.

פּגם (פּעגאַם) קאָן פאַרוויאַנען — אַלץ:
וועג דיין וואָרט, ווי אַ מבקר;
זאָל האָבן טעם, מיט פּעפער, זאַלץ,
זאָל גראָבן טיף דיין אַקער.

וועט וואַקסן וואָרט, ווי אַ פּולער זאַנג,
וועט וואָרצלען טיף דיין מערכה:
גיי מיט אמת אין דיין גאַנג —
וועט מיטגיין מיט דיר גאָטס ברכה!

און אַזוי

מיט שטערן שפּריץ איז נאַכט געקומען
און אויסגעזונגען אַ שלאָף־ליד;
כ'בין אין חלומות־שלאָף געשוואומען,
אויסגערוט דעם קערפּער מידן.

ווען זיס דער חלום האָט געגאָלטן,
ווען שרעק און האַרטער שטיין;
ווען מזל האָט ווי פאַרשאָלטן;
ווען פרייד, ווען געוויין.

מיר האָט חלום נישט געשמייכלט,
פונקט ווי ניט אין וואָר,
און וויפיל ס'האָט זיך ניט געחלומט,
צום זעלבן סוף פירט מיר נאָר,

אַז אַן מזל האָט מיך צייט געבאָרן;
אַז מיין מזל איז אַזאַ.
און אַזוי וועלן אָפּבליען די יאָרן
און פאַרגיין — שטיל און שאַ! . . .

שפּין נאָך ווי אין יוגנט געשפּונען

בין כלו־חייב פאַר מיין שווערן לעבן,
האָב דעם יאָך אויף זיך אַליין געפּעלצט;
בין כלו־זכאַ פאַר מיין שלעכטן וועבן —
האָב מיין דענקען ניט קלאָר געשמעלצט.

נאָך פון חדר בילדער ליגן אין זכרון;
דברים־שבלב האָבן רוען נישט געלאָזן: —
עפּעס האָט געטריבן נישט פאַר מיינע יאָרן,
וואו ווינטן נייע, פרייע, אימער בלאָזן.

בכי־טוב, איך בין בעל־מצוה געוואָרן,
האָב מיינע עבירות אויף זיך גענומען:
אַזוי געלאָפן זיינען יאָרן נאָך יאָרן —
בלי־גוזמא, שפּין נאָך ווי אין יוגנט געשפּונען.

מיט פרייהייט מײן ליד האָט גערופן

כ'האָב ווערטער געציילטע געפלאָכטן,
אין פערזן צעשטעלט;
איך האָב מיט די ווערטער געפּאָכטן —
די גאַנצענע וועלט.

די ווערטער זיי האָבן ווי שפּיזן
געשטאָכן דעם שונא,
זיי האָבן געפּאָכטן ווי ריזן,
מיט אַלעמען, ווי איינער.

מײן וואָרט געשטורעמט האָט אָן שרעקן,
אַקעגן חילות און מאַכט,
האָב די אונטערגעדריקטע געוועקן:
שטייט אויף — אַוועק איז די נאַכט . . .

די זון איז אַרויס אין פרימאָרגן,
די פויגל פאַרהילכט האָט די לופט.
— אַ מענטש, ווי לאַנג וועסטו זאָרגן ?
מיט פרייהייט, מײן ליד האָט גערופט !

1921

מרה-שחורה

שפּעטע שעהען, ביי אַ צאַנקענדיקן לעמפּל,
האָט מיך עפּעס וואָס געשראָקן,
האָב אומגעשפּאַנט פאַרצווייפלט
הין און צוריק אין מײנע זאָקן.

אין דער שטילקייט האָב איך געפילט,
ווי אַהינטער וואָלט ווער געוואַכט;
איך האָב געפילט ווי עמיץ אָטעמט,
ווי פון בייזע אויגן ווער באַוואַכט.

עפּעס ווילט זיך מיר ניט רירן,
ערגעץ בלאָנדזשעט מיין געדאַנק;
אָט הער איך עמיץ וואָלט זיך רירן:
כ׳פיל זיך מיד, איך פיל זיך קראַנק.

אָך, לאָז צורו מיך מרה־שחורה,
וועסט מיך טרייבן סוף פון זינען:
כ׳ווייס, כ׳פיל שוין, איך האָב מורא,
מ׳וועט מיך זינלאָז דאָ געפינען.

אַ מעשהלע

מע האָט מיר דערציילט פון אַ פּאַווע,
וואָס האָט דריי גאָלדענע פעדער,
און ווער סע באַרירט נאָר דעם פויגל,
גליקלעך דאַן ווערט ער.

זינגען זי זינגט ווי אַ פידל,
הערן זי פאַרלירט מען די זאָרגן.
די טענער, וואָס קומען פון די קלאַנגען,
פילט מען ווי אין אַ פרילינג פרימאָרגן.

גלעט מען איר דריי מאָל דאָס קעפּל,
ווערט מען מיט שטראַלן באַשאָטן.
כ׳האָב אַזוי אין מיין קינדהייט געחלומט —
איצט האָט ווער מיין חלום צעטראָטן! . . .

חלום, חלום

כ׳זוך אַ פונק אין אַש פון מיינע יאָרן,
אויפצובלאָזן מיין יוגנט-פלאַם,
וואָס איז פון מיר, אָ, איצט געוואָרן,
אַן אָפּגעהאַקטער שטאַם?

אין עלטער זינג איך פון מיין ליבע,
קיין פונק געפינ׳ נים אין דעם אַש;
קיין זיסע טענער — נעבלדיק און טריבע —
אויסגעטריקנטער — לערער פאַס.

חלום, חלום, קינדערשע חלומות,
אַך יוגנט, איצט אַ צעבייגטער, זאנג;
קיין וואָרעמקייט נישטאָ אין די זכרונות,
הייזעריק, אַ כריפּענדיק געזאַנג.

לעבן מיינער, שטויב נאָר פאַרן ווינט;
טריט מיינע, צעוואָרפן איבער וועלט:
כ׳בין אַן עלנטער, אַ יתום ווי אַ קינד —
אַ פאַרלאָרענער, אין רעגן און אין קעלט.

פרילינג האָט ווינטער פאַרטריבן

עפנט די פענצטער, לופט לאָזט אַריין,
פרילינג אין דרויסן, ס׳איז ליכטיק:
הויבט אויף פאָרהאַנגען, זון לאָזט אַריין,
אין שטוב זאָל זיין ציכטיק.

זייט בודק די שמוץ אונטער די בעטן,
נאפטאלין אויך לופטעט אוים;
שטויב פון די ווענט רחמים זיך בעטן,
נעמט אראפ כאטש אונדז בלויז.

פארוויכערטע הרובע: פינצטערע אויגן,
קוקט רחמנותדיק: קאלכט מיך אפ!
הינער קוואטשקען, אייער אויך לייגן,
האן העלפט זיי אונטער מיט טראפ.

ביימער באקליידטע, כל'ערליי בלומען,
מיט בליאונג פון קארשן און פלוימען.
און פייגעלעך שפרינגען און ברומען,
אינזעקטן פון זומער שוין קומען.

עפנט די פענצטער, עפנט די טירן,
זאל פרילינג זיך פרייער צעשפרייטן;
קינדער טאנצן, מיט זילבער גערעכטער,
לופט זינגט מיט פויקן און פלייטן.

דער הימל גיסט מיט מים־חיים,
ערד שיכורט מיט אפענעם מויל,
גראזן און בלומען טרינקען לחיים,
דער דונער לאזט הערן זיין קול.

עפנט די פענצטער, הימל איז אפן,
צו לעבן רופט פרילינג, צו ליבן: —
ווינטער קאלטער, אוועק איז שלאפן,
פרילינג האט ווינטער פארטריבן.

האַלוציגאַציע

איך בין געזעסן פאַרטראַכט,
די אויגן צוגעמאַכט,
האָב געפילט, ווי עפּעס באַוועקט
און האָט זיך אין אַ ווינקל פאַרשטעקט.

מיט אויגן פאַרמאַכטע איך פיל,
ער רוקט זיך צו מיר אין דער שטיל,
און פינגערט מיטן האַנט גלייך צו מיר,
איך, ווי געליימט, קוים זיך ריר.

— דו, זאָגט ער — דו! שוין גענוג!
האַלטסט זיך פון לאַנג פאַר צו קלוג:
פאַר מיר, צי קלוג, צי אַ נאַר —
זיינט גלייכע יחסנים דערפאַר . . .

האָב געהערט בפירוש די רייד.
ס׳ווערט מיר מאָדנע טיף אינגעווייד;
איך רייס אויף די אויגן מיט גוואַלד
און אַלעס פאַרשוואונדן ווערט באַלד . . .

מיט אָפענע אויגן דאָך חלום

חלומט זיך מיר אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
מיט אָפענע אויגן, דאָך חלום;
האַלפערן שטייט מיר אַקעגן און לאַכט:
וואָס מאַכסטו, דיימאַנדשטיין? שלום!

— וואָס שלאָפסטו נישט, יאַלד?
ביסט איינזאַם? דאָס בעט איז אַ ברייטע: —

זונות אַ סך דאָ, אַבי מע באַצאָלט:
גיי אויפֿן ראָג, זיי שטייען שוין גרייטע! . . .

— האַלפּערן, לץ, אַ לץ ביסט פֿאַרבליבן,
זאָג, ווי גייט דאָרט אויף עולם האמת?
וואָס מאַכט „באַרנולע", וואָס דו האָסט באַשריבן?
איז דער קיניג אַ היילער אַלץ נאָך אין וועש?

און וואָס מאַכט דיין לולקע?
גריבלט זיך אַלץ נאָך אין ביכער?
האָסט באַגעגנט באַנצען? ער עסט נאָך די בולקע?
און משה נאַדירן, מסתמא — זיכער!

— גענוג צו ריידן, פֿרעג ניט קיין קשיות,
זיי נישט קיין טיפּוש, קיין יאָלד;
באַשריבן האָב איך די שיינע נפֿשות,
האָב נישט געקראָגן באַצאָלט . . .

די שיינע גיבן לייב ניט פֿאַר צדקה,
זייער האָניק איז טייער ווי גאָלד . . .
גייען אָרום מיט די הענט אין די באָקעס —
זיי נישט קיין טיפּוש, קיין יאָלד!

נעם פֿון לעבן ווילאַנג דו האָסט כּוח:
עולם־הזה איז דער אמתער גן־עדן.
גענוג דיר צו ברעכן און דרייען דיין מוח:
זיי געזונט, ד. מיר מוזן זיך שיידן!

באַנצע — פּרצ׳עס אַ העלד פֿון אַ דערציילונג.
באַרנולע — קיניג; האַלפּערנס אַ ליד.

1928

ווען דו זעסט דער טאָג פֿאַרגייט

ווען דו זעסט דער טאָג פֿארגייט,
עלנט באַגעגנט דיך די נאַכט
אַ ווילדע קעלט וואָלט דיך באַוויַיט —
ווי ווילדע אויגן וואָלט דיך באַוואַכט.

ביסט שוין ניט קיין קינד, דאָך שרעקט דיך,
האָסט מורא קאָפּ צו קערן;
קאָרטשעסט איַין זיך און דערנאָך,
פֿילסט פֿון ווענט וואָלסט שטימען הערן.

טוסט אַ טרייסל מיטן קאָפּ,
פֿון זיך די שרעק פֿאַריאָגן:
עפּעס ווי אָן עכאָ הילכט וואו אָפּ —
ס׳ברענגט אַ ציטער דיר צו טראָגן.

נאָר מיט געוואַלט טוסט זיך אַ ריס
און עפֿנסט ברייט די אויגן.
דיין אייגן שאָטן ביי דיינע פֿיס,
ווי ס׳וואָלט אַ מת זיך לייגן.

נעמסט זיך אָן מיט אַ קוראַזש,
דיין שאָטן גייט דיר נאָך להכעיס.
פֿאַר די אויגן מאָלט זיך אַ מיראַזש —
אַ דרימל וועבט דיך איין ביז שחרית.

אַ גאַסן-סצענע

טאַנצט אין גאַס אַ ניגער-מיידעלע,
פיסלעך וואַרפן זיך צום דזשאַס,
אויגן-ווייסלעך וויקן זיך אין מילך,
שיינען ציינער, ווי שנירלעך פערל — נאַס.

צימבלט אוים וואו אַ גיטאַרע
און ס'פייקלט צו אַ באַראַבאַן — באַ באַ!
קלאַפּן צו העגטלעך בראָנזענע —
און צום טאַקט — טראַ-טאַ-טאַ, טאַ!

אַ פרויען-שטימע פאַרגייט זיך התלהבותדיק:
אַ לאָרד, אַ לאָרד, אַ לאָרד!
און פון טאַנץ-זאַל רייסט זיך אַ טראָמפּייט
און פאַרטומלט מיטן דזשאַס דאָרט.

צוויי מאַטראָסן וויגן זיך און זינגען —
אַ פּאָנאָגראַפיש ליד,
און אַ פּראָסטיטוטקע ווינקט צו אייך
מיט אויג, מיט בויג און מיד.

אַ פעדלער שלעפּט אַ וועגעלע
און רופט זיין סחורה אוים,
אַ פּאָליצמאַן שרייט אים נאָך:
„געד אַרי היער — יו לאוז!"

עס טאַנצט נאָך אַלץ דאָס ניגער-מיידעלע —
צום דזשאַס פון מעש,
און אין טומל רוקט זיך דורך אַ לוויה:
צדקה תציל ממות! . . .

האַלוציניאַציע

(אין אַ לבנה נאַכט)

איך בין געשטאַנען אין אַ לבנה־נאַכט —
פאַרטראַכט.
און פּלוצים, ווי אַ ווינט וואָלט מיר זאַכט —
אויפגעוואַכט.

פון ווייטן ווי שאָטנס וואָלטן געגאַנגען —
ווי זאַנגען,
זיך געוויגט אויף די ביימער צוואַנגען —
געהאַנגען.

ווי תליות מיט גלאַנציקע אויגן־לעכער —
ווי בעכער.
און אויבן ווי פויגלען באַדעקן די דעכער
און נאָך העכער,

סקעלעטן, סקעלעטן רירעוודיקע, פרייע —
גאָר נייע,
ווי אויף וואָלקנס גייען אין אַ רייע —
נאָך אַ לוויה.

און ווי אַ גרויסער טאָפּ, דער ארון —
וואָלט געשוואָרן
און איינס נאָך איינס, אריין אין ארון —
און ניט געוואָרן . . .

איך בין געשטאַנען אין אַ לבנה־נאַכט —
פאַרטראַכט,
און פּלוצים, ווי אַ ווינט וואָלט מיר זאַכט —
אויפגעוואַכט! . . .

כ׳פרעג דיך, מענטש

כ׳פרעג דיך, מענטש, כ׳פרעג פאַרוואָס,
דאָס לויפן און דאָס אײַלן?
דאָס לעבן האָט קיין גלייכע מאָס —
צי ווייסטו ווי לאַנג וועסט דאָ פאַרווײַלן?

דו האָוועסט, לויפסט מיט אָטעם קורץ,
ווילסט די וועלט פאַרנעמען:
צו זוכן כבוד — האָסט זיך פאַרפּוצט —
כדאי דעם ערלעכן פאַרשעמען.

דײַן כבוד וועסט ניט טראָגן אַהין . . .
האָט פאַרד רייכטום געגומען מיט זיך?
ווייז נאָר איינעם, זוך און געפין —
בערנאַרד שאָ ט׳מען אויך פאַרגעסן גיך.

טוסטו גוטס פאַר וועמען אָן געצאָלט?
אויב דו טוסט מיט ריינעם הארצן,
דאַן געשיכטע ט׳זאָגן האָסט געוואָלט —
אויף זיך אַ פלעק ניט לאָזן אַ שוואַרצן.

גערויבטן כבוד — פאַר אַ ווייל איז דאָ:
גיך ווערט אַ בעל־חוצפה פאַרגעסן,
עס היילן זיך יאָרן, אַזוי ווי אַ שעה —
גיך ווי די ווערים צעפרעסן.

פרעג איך דיך, מענטש, פרעג איך פאַרוואָס,
ריידן רכילות — פאַר וואָס, פאַר וועמען?
דײַן כבוד וועט בלייבן אַ ליידיקער כוס:
דײַן רום וועט ראָסטן, אַזוי ווי דײַן פּען! . . .



27

מיין מאַמעס צוואה

אַך, מאַמע, עס קלינגט מיר אַצינד נאָך דיין לידל,
וואָס דו האָסט געזונגען צו מיר ביי מיין בעט.
דיין קלאַגנדיקע שטימע, נאָר שיין ווי אַ פידל —
הערן דיך אייביק וואָלט פון פרי ביזן שפּעט.

עס איז דאָן אין שטוב אַזוי טונקל געווען,
די נאַפט אינם לעמפּל געווען אויפן דעק,
און דו פון אַ ביכל פאַר מיר האָסט געלעזן
פון ביטערע צייטן, פון הונגער און סלעק.

דו האָסט מיר געוואונטשן, אַז מיר זאָל זיין שענער,
אַז איך זאָל ניט ליידן קיין הונגער, קיין נויט;
איך בין נאָכגעגאַנגען דיין וועג, דיינע פּלענער —
דורך ערלעכע אַרבעט צו עסן מיין ברויט.

אַרבעט איך, מאַמע, איך בין אַזוי ערלעך,
שוין צוויי־צענדליק יאָרן, קלינגט מיר דיין וואָרט:
נאָר לעבן אַזוי ווי דו הייסט — איז געפערלעך —
איך האָב די טשעכאַטע פון דעם אָפּגעשפּאָרט.

געפּראַצעוועט האָב איך, מיין קראַפט אָפּגעגעבן,
אין דחקות געלעבט — דיין צוואה געהיט;
ניט גרינג, ווי דיין וואונטש, קומט־אָן מיר מיין לעבן —
נאָר אַ ווילן, אַ שטאַרקן, טראָג איך מיט מוט!

אוי מאַמע, דער פּאָלקס־פּיינט, דער רויבער, דער באָס —
און יעדער עס טרייבערט פון ברייטל אַ שטיק;
עס מאַטערט, עס שניידט, מיט צאָרן, פאַרדראָס: —
ווארום האָב איך לאַנג נישט צעריסן די שטריק! . . .

1914

קיינער פרעגט מיך ניט

נאכט האָט זיך געלייגט אויף קראַנק געמיט;
אַ קריכנדיקע שלאַנג אַרום מיין קאָפּ,
האָט געשראָקן מיך — געהערט האָב טריט,
וואָלט אומגעשפּאַנט, אַרויף־אַראָפּ . . .

אַ, גאָט, גיב מיר שלאָף אַ שעה, אָן חלומות,
וואָס מאַטערן מיך אוים:
מ׳זאָגט חלומות איז אויכעט דאָ, וואָס גיבן רו...
מיט וואָס מיין זינד איז אַזוי גרויס?

שווער איז די נאַכט, וואָס רו דאַרף געבן —
רו פאַר מאַרגנדיקן מי און שווערן יאָך.
האָסט אין מיר אָן אומרו אַריינגעגעבן —
און אומרו מאַטערט מערער נאָך.

כ׳גיי אַרום ווי אין הינערפּלעט,
מ׳דענקט מיט ליקער (שפּירט) האָב זיך אָנגעזויפן;
קיינער פרעגט מיך נישט, הגם מע זעט
פון מיינע אויגן שטאַרצען שוואַרצע רויפן . . .

ניין האָב איך געזאָגט

מיין מאַמע האָט אַכט קינדער געהאַט,
נאָר געבליבן זיינען מיר פיר.
כ׳בין דער פינפטער, געשטאָרבן כמעט: —
נאָר ניין, מלאך־המות — נישט מיר!

כ׳האָב מאָזלען, פּאָקן, קייכהוסט געהאַט,
וואָס פאַר אַ קרענק איר ווילט האָבן;
דאָר ווי אַ שפּענדל — נאָר איינמאָל אַ יאָט —
האָב זיך נישט געלאָזן באַגראָבן . . .

מע האָט מיך נישט איינמאָל באַקלאָגט,
שלעכט, האָב געהערט דאָקטאָר זאָגן:
טאַטע מיט טרערן האָט תהילים געזאָגט
און די מאַמע מיט ביטערן קלאָגן.

ס׳האָט כאָליערע מיך איינמאָל געפּאַקט,
האָב זיך אין אַ ווינקל באַהאַלטן;
געזען דעם טויט — נאָר האָב זיך אָנטזאָגט
יונג ליגן אין קבר אין קאַלטן . . .

נאָר רויבער פון לעבן

עס וועט ציילן די נאַכט די פאַרלאָשענע שטערן,
ווען דער מאָרגן וועט עפענען די אויגן,
און ווען דער ערשטער קריי פון האָן וועט זיך הערן,
וועט די זון אַרוים מיט אַ גוטמאָרגן-געבויג.

געזאַנג פון לעבן וועט זיך אַרום צעשפּרייטן
און אויפברויזן די וועלט צו שאַפנדיקער מי:
נאָר רויבער פון לעבן ווילן נעמען אַלץ פון גרייטן —
און בויגן דעם יאָך-מענטש צו בייגנדיקע קני. . .

דער וואָס פירט זיך אָן חשבון — פאַרגייט

האָב נעכטן א ברייטל געהאַט,
האָב אים אויף דריי טיילן צעשניטן.
פאַר נעכטן, פאַר היינט און פאַר מאָרגן:
דריי טעג קיין הונגער געליטן.

דו האָסט צוויי ברויטן געהאַט,
האָסט זיי אין איינמאָל פאַרשלונגען,
און היינט שוין הונגעריק גייסט,
פאַר א מאָלצייט א שקלאַף זיך פאַרדונגען.

זיי שפּאָרזאַם אין פירן דעם לעבן,
זע, די וועווערקע, אויכעט פאַרגרייט:
נאַטור פירט זיך אויך מיט חשבון —
דער וואָס פירט זיך אָן חשבון — פאַרגייט!...

קלייב איך מיינע בלעטער

האָב געוואָרפן מיינע יאָרן אין די ווינטן,
אין אַלע וועלטן פון מיר אַהינטן.
איצט, אין שפּעטן האַרבסט, טו איך זיי פאַרשרייבן,
א זכר, א מצבה, נאָך מיר, וואָס צו פאַרבלייבן.

כ׳קלייב מיר מיינע בלעטער פון מיין יוגנט,
אויך געלע-רויטלעכע פון מיטל-יאָרן,
און פון האַרבסט פאַרדאַרטע מיט אָן אומרו-סינע:
ערשט איצט דערזע איך, וואָס איך האָב פאַרלאָרן.

צוליב דיר דיין מאַמען האָב גענומען

קינד מיינס, פרעגסט מיט דיין קלינג־געלעכטער,
דיין שמייכל — אַ צאַרטע בלימעלע;
דיין התפעלות איז טיף, אָן עכטער —
דיין אומשולד — אָן אַ פּגימהלע . . .

אַ קינד מיינס, חלום פון מיין בלוט,
אָטעם פון מיין נשמה,
גיסט אין לעבן מיר נייעם מוט:
דיין קומען האָט כוונה . . .

אַ קוק אויף דיר, פול ווערט דאָס לעבן.
צוליב דיר אויך בין איך געקומען:
אַזוי מיין טאַטע און זיידע — האָט געוועבן —
צוליב דיר דיין מאַמען האָב גענומען.

ווער ט׳מיך געלערנט

ווער ט׳מיך געלערנט אין פינצטער צו גיין,
דערפילן אַלע שלאַנגען אין וועג?
אויסמיידן יעדן גרוב, יעדן שטיין —
דערפילן יעדן שונא — בלינד כ׳פלעג . . .

ווער ט׳מיך געלערנט גיין אין שווערן יאָך,
אין געפּעכט פון לעבן און געפאַר?
דורך זיג־זאַגן זיך דורכגעריסן — דאָך,
איצט, אָן שרעק גיי אין קאַמף דערפאַר.

מיין אויג איז טרוקן קיינמאָל ניט

חלומות לאָזן ניט פאַרוויגן מיין אויג,
ווי פאַדים-נערוון ציען מיין האַרץ;
קלאַפּט דער פּולס ווי אַ פּיאַווקע זויגט:
אַ סינאַמאַ פאַר די אויגן שפּרייט זיך שוואַרץ.

שפּיגלט, בליצט אַף דעם פילם-בילד,
שוואַרץ רייסט אויף דער שווידער-פלאַם.
ס'רייסט אויף דאַס וואונד, קאַכיק-ווילד
און זעסט פאַר זיך אַ קאַכיקן ים.

דו פילסט, דו הערסט, געבעט, געשריי;
דיין קינד, דיין ווייב, דיין מאַמע אויך;
עס שנייט דער פלאַם, צוזאַמען — זיי —
ווייטער מער ניט, נאָר גרויסער רויך.

און ווידער וועקט אין מיטן נאַכט,
די טרער איז הייס און פול מיט בלוט:
צי שלאָפט מיין אויג, צי זי איז וואַך —
מיין אויג איז טרוקן קיינמאָל ניט! . . .

ניט נעם זיך איבער

צייטנווייז שטעלט זיך מיר פאַר,
כ'זע זיך יונג פון אַכצן יאָר,
מיט מיידלעך, אַרום און אַרום,
ווי בינען אַרום אַ בלום.

מיט איינער טאַנץ, מיט צווייטער שפּאַס,
מיט אַ דריטער שפּאַציר אין גאַס.
אין געזעלשאַפט—שטאָלץ—די קרוין,
אַ קאָפּ מיט האָר, הויך און שיין.

איצט בין שוין פופציק יאָר,
אַט-אַט-אַט, געווען ערשט נאַר . . .
עס שווימט פאַרביי, כ׳זע עס קלאָר.
אַט ערשט געווען אַכצן יאָר . . .

און איצט פופציק — ס׳גיט אַ צופּ:
כאַפּ איך שעהען, אַ טאַנץ, אַ טופּ —
וואָס אַרט מיך יאָרן? בין קליגער איצט:
ניט נעם זיך איבער, אין מוח בליצט!

כ׳בין אַ בענטשער

כ׳בין אַ בענטשער און בין אויך אַ שטראָפער,
איך גיב אַ גלעט און גיב אויך אַ פּאַטש;
איך גיי מיט שאָלן — און וועג דעם אמת —
און משפּט יעדן — זיין ווערד אָפּשאַץ.

כ׳בין אַ שטרענגער, אָבער ניט קיין שלעכטער.
מיין האַרץ איז ווייך פאַרן ליידענדן מענטש;
מיין דבר איז ריין, פּשוט און אָן עכטער —
פיל מאָל אַ שונא פאַרגיב און בענטש . . .
ס׳ווערט מיר גרינגער, ווען איך טו גוטעס
מיט אַ וואָרט, אויך מיט אַ פּאָר פּרוטות . . .

אַ ליד

מיט לעצטן אָטעם האַלט זיך שטאָלץ,
די קניען בייג נישט, שוואַך.
בייג זיך, דריי זיך ווי אין אַ וואַלץ,
פאַרבייג דעם קרעכץ מיט לאַך.

זאָל דיין שונא נישט דערגרייכן
פון דיין שוואַכקייט, פון דיין נידער:
פאַרצי דעם ווייטיק, קאָפּ אַ הייכן —
ווי אַ פּאָעט אַ קראַנקער זינגט זיינע לידער...

ס׳איז שווער אָן פריינט

מיין לעבן איז ווי אַ שטייענדער טייך,
וואָס זוכט אַ וועג זיך דורכצורייסן:
נאָר האַרט אַרום איז ווענט פאַרשטייפּט,
שטיינער גאָר נישט איינצובייסן.

אין מיינע איינזאַמע פיר ווענט
זוך צו בויען חלום וועלטן;
נאָר ליכט פאַר מיר איז גאָר פאַרשטעלט,
זען דעם הימל אַ צעהעלטן.

איינגעצאַמט אין זיך אַליין און מיין וויי,
ווייסט קיינער, קיינער:
מיין האַרץ איז איינזאַם ווי אַ שטיין —
ס׳איז שווער צו לעבן — איינער — —

אַ מיאוסער וואָרט

אַ מיאוסער וואָרט האָט צעבריט מיין מויל
און האָט מיך צו שטאַמלען געמאַכט;
דערפילט האָב זיך נידעריקער פון זויל,
איך האָב צום נאַר זיך נאָר געמאַכט.

מענטשן מאַכן מיר בייז, מאַכן מיר שלעכט,
שטעכן אין אויג מיר מיט דאָרנס!
שניידן מיין הארץ — און זיינען גערעכט —
זייער רכילות שרייט ווי פון האָרנס . . .

יאָרן געוואַרט

אַ חלום ט'מיר מיט־נאַכט גערעפנט ד'אויגן,
און האָב די אויגן גלייך זיי פאַרמאַכט.
אין קינדהייט האָב איך חלומות געצויגן —
פאַר שרעק נישט געשלאָפן די נאַכט.

חלומות זיינען מיר תמיד פאַרבליבן,
ווי אַ קנויל געוועבן אין מוח ביי מיר:
קינדערשע פרייד לאַנג שוין באַשריבן —
די חלומות האַלט אונטער ריגל און טיר . . .

פרייד האָב אַלעמאָל געטראָגן אַקעגן,
זון אין די אויגן, ווי הימל בלאָ.
נאָר צער און וויי ז'אין בוזים געלעגן;
יאָרן געוואַרט פאַר אַ גליקלעכער שעה! . . .

כ׳האב

כ׳האב מיט זאלציקן שוויים דיך געבארן,
אין שלאפלאזע נעכט דיך געפיילט.
אזוי איז אוועק שוין פיל יארן,
און איך האב זיך נאך נישט געאיילט

צו פירן ארויס דיך אין דרויסן,
די וועלט זאל דיך הערן און זען:
געוואלט דיך האדעווען, זען א גרויסן,
א. קינד, דו מיין חלום — פון פען. —

די היץ

ס׳האט היץ גרויסע דער הימל געהאט,
קראנק אז א וואלקן באפלעקט.
די ערד ט׳זיך געקארטשעט אין ווייטיק,
מיט שימל האבן טייכן געשמעקט.

די נאכט האט אז ווינטן געוואכט,
מיט פארשטיקטן אטעם געזשיפעט.
א פארשוויצטע מאמע ט׳מיט א פאכער געווינטלט
איר שלאפלאז קינד, וואס האט געכליפעט.

ווערטער וואס זאלן וועקן

כ׳וועל דאס שארפסטע ווארט אויסרייסן פון צונג
און איינשנירלען אין פייערדיקע שורות,
ווארפן מיט שטורעמדיקן שוואונג —
מיט אויפמונטערנדיקע בשורות . . .

ווערטער וואָס זאָלן וועקן צום לעבן נייעם:
צו גיין זון אַקעגן מיט פרייד און געזאַנג.
אויסטרעטן אַ וועג, אַ גלייכן און אַ פרייען —
מיט ברידערלעכן — שלום־קלאַנג! . . .

קאַליפאָרניע

בלומען וואַקסן פאַר די אויגן,
ווינטער בליען ווי אין מאַי,
סיטראַס־גרויסע, צווייגן בויגן,
פילע פאַרבן אין איין ריי.

זינגען פאַרבן, בלומען לאַכן,
פרוכטן טאַנצן: איך בין זיס.
אויבן ווינקען, שטערן וואַכן,
און די נאַכט־לופט זאַפטיק פריש.

ווי אַ טרוקענער בוים

מיין לעבן — איז ווי אַ טרוקענער בוים,
וואָס קאָן שוין זאַפט ניט פאַרדייען.
וואו, ווער, אַ בלעטל — האַלט זיך קוים,
וואָס וואַרט — דער ווינט זאָל אים בעפרייען.

כ׳בין ווי דער בוים שוין אָפּגעלעבט:
די וואָרצלען, צעפרעסן, צופוילט;
טורמאַטן, מיקראָבן, האָבן זיך איינגעוועבט —
מיינע לונגען אויפגעפרעסן — אויסגעהוילט.

צו וועמען

פרייטיק און זונטיק, פלעג שרייבן בריוו אהיים.
פון געוואוינהייט אין א ווינקל ליגט קאנווערטן, פאפיר;
אבער היינט, די פען, רירט זיך ניט פון האנט,
עפּעס טוט א צאפּל טיף אין הארץ ביי מיר . . .

צוליב וואס? טוט א שניט אין מוח מיט א ברען.
ליידיק איז הויז, וואו דיין וויג איז געשטאנען;
קיין נאענטע שטימע וועט דיין נאמען נישט רופן —
קיין זכר פון דיין היים איז מער נישט פאראנען . . .

דאס אש האט דער ווינט פון לאנג שוין פארטראגן;
מיין מאמעס „צאנה-וראינה", מיין טאטנס מחזור;
די בלעטער געל פון וויינען און פון קלאגן —
האט מיט בלוט אויסגעמישט דער דייטש, דער אכזר . . .

ווערט מיין אויג פארגלאזט, מיין הארץ פארדריקט,
מיין האנט מיט ציטער לייגט די פען אוועק:
ווי עמיץ מיין אטעם וואלט מיר פארשטיקט —
פאר די אויגן בליצט אויף א רויטער פלעק . . .

עס גרילצן געוויין, קלאגן און געשרייען,
רייסט מיין געהער מיט ווילדן געטומל,
און רייען עס גייען, עס גייען און גייען —
און רופן מיט אויגן פארגלאצטע צום הימל:

נאר הימל איז טויב . . . קאלט איז און כמורנע,
און נאצי — דער מערדער, ברענגט אום די געיאגטע:
ווי קעלבער צו שחיטה, מע פירט עם ישראל —
יונגע און אלטע, מידע, פארפלאגטע . . .

פֿאַלט איינער אַ מידער, דערשיסט אים דער נאַצי;
צו חיות און בהמות, באַנעמט מען זיך בעסער:
ייִד איז איצט הפקר: ווי ערד ווערט געטראָטן —
מ׳גאַזט אים, מ׳ברענט אים; מיט ביקס און מיט מעסער.

צוליב וואָס? טוט אַ שניט אין מוח מיט ברען.
וועמען? ליידיק אָרט איז, וואו מיין וויג איז געשטאַנען:
קיין נאָענטע שטימע וועט מיין נאָמען ניט רופֿן —
קיין זכר פֿון מיין שטאָם איז דאָרט מער פֿאַראַנען! . . .

1946

קוקט מען הינטער דיר צוריק

שפּילעוודיקער טאָג איז בליק גיך פֿאַרשוואונדן,
די נאַכט האָט קיין רו נישט געבראַכט.
שווערהאַרציק האָט בענקשאַפֿט געצונדן —
אַ בייזער חלום אויף מיר האָט געוואַכט.

ווייטע האָריזאָנטן האָט מוח געוועבן,
אין וואָלקנס טונקל איינגעהילט.
אַזוי ווי אַ מיראַזש איז פֿאַרביי מיין לעבן —
קיין פֿריידן־טענער פֿאַר מיר האָט געשפּילט . . .

אַ מידער פֿון צייט, אין יאָך געשפּאַן,
האָב ווי אַ פֿערד געשלעפּט שווערן וואָגן,
און דערנער שטעכיקע אונטער יעדן שפּאַן —
באַהאַלטן אין זיך טיף, פֿאַר קיינעם זיך באַקלאָגן . . .

האָט קלאַנג פֿון צייט פֿאַרנאַרט מיר מיינע טעג.
ווי אַ בלינדער בין איך אויף אים געגאַנגען יאָרן,
איך האָב פֿאַרלאָרן מיין אויסגעטראָטן וועג;
אין קלאַנג פֿון צייט האָב איך מיין טראָט פֿאַרלאָרן,

גיט מיר ניט קיין ווײַן

גיט מיר ניט קיין ווײַן, מיך צו פֿאַרטרינקען,
איך וויל קלאָר מײַן מוח זאָל מיר דינען;
כ׳וויל אין חלומות נישט פֿאַרזינקען —
מײַנע געדאַנקען זאָלן קלאָר זיך שפּינען.

גיט מיר ניט קיין שווערע מאכלים פֿאַר מײַן מאָגן,
איך זאָל פֿויל ווערן פֿון זאַטער שווערקייט:
איך וויל די בושה ניט, מע זאָל מיר זאָגן
מיט שפּאָט: ער גייט איין פֿון אומדערנערטקייט . . .

גיט מיר ניט קיין רײַכע קליידער פֿון געוואַנטן,
וואָס זאָלן פֿאַרשעמען דעם אומבאַקליידטן:
איך באַלאַנג ניט צו יענעם קלאַס, צו יענע פֿראַנטן,
וואָס לעבן אויף די פּלייצעס פֿון אַ צווייטן . . .

זעצט מיך ניט אַרײַן אין רײַכע פּאַלאַצן —
מיט באַדינער, וואָס וואַרטן אויף באַפֿעלן;
ווען אין כאַטקעס וואַלגערן זיך אום און קראַצן
קראַנקע, הונגעריקע, און בעטן בײַ די שוועלן.

גיט מיר פֿריש וואַסער, אַנשטאָט ווײַן;
גיט מיר קאָרן-ברויט, מײַן הונגער שטילן.
קליידט מיך — זאָל טשאַרטוועקאַזשע — זײַן —
גיט מיר אַ צימער-קליין, אַ רואיק-שטילן;

וואו מײַנע דמיונות זאָל איך קענען וועבן
און ריידן צו די אָרעמע, ווי צו מײַנע ברידער,
און זיי וועקן און זיי טרייסטן, צו אַ נײַעם לעבן —
וואָס איך דיכטע אויס פֿאַר זיי, אין מײַנע לידער . . .

1920

אַליין מײַן וועג איך גיי

דער נעכטן און דער הײַנט,
נאַרן ווי פֿאַלשע פֿרײַנט,
און דער מאָרגן איז מיר פֿרעמד.
דריי איך זיך אַזוי אַרום,
וועגן מײַנע זײַנען קרום,
כ׳פֿיל זיך אַליין פֿאַרשעמט.

מע באַרעדט מיך אָן פֿאַרוואָס:
ווארום, ווארום, גאָט, איז דאָס?
כ׳בין נישט ערגער דאָך פֿון זיי.
ווארום, גאָט, איז מיר באַשערט
געטראָטן ווערן ווי געוועזן וואָלט ערד? —
אַליין מײַן וועג, מײַן וועג איך גיי!

ס׳פֿליט אַ שטערן

ס׳פֿליט אַ שטערן אין דער לופֿט.
וואו זשע, שטערן, פֿליט דײַן וועג?
אַזוי פֿליען מײַנע טעג,
ווי אַ שטימע, הער מיך רופֿט . . .

שטערן פֿליען הין און הער,
וואו זשע ציען זייער גאַנג!
ס׳טראָגט אין לופֿטן אַ געזאַנג —
אויף מיר מידקייט דריקט דאָס שווער.

שטערן, זאָג, וואו שטעלסטו זיך אָפּ?
ווער און וואו בלײַבסטו שטיין?
כ׳בלײַב פֿאַררײַסן מיטן קאָפּ;
כ׳פֿרעג און ענטפֿער זיך אַליין!

האָב קיינעם ניט נאָכגעמאַכט

האָב קיינעמס טריט ניט נאָכגעטראָטן,
האָב קיינעמס וואָרט ניט נאָכגעמאַכט:
צי ניט — צי ס׳האָט מיר יאָ געראָטן,
האָב געזונגען שטיל ביינאַכט.

ס׳איז מיר אין ליבע נישט געגאַנגען,
צייט האָט מיר ערלעך ניט באַצאָלט:
מיין גליק פאַרשטעלט האָט אַ פאָרהאַנגען —
וואָס געטאָן האָט נישט געגאָלט . . .

האָט ער אַ הויז זיך געבויט

ער האָט אַ גאָרטן געפלאַנצט אין דעם הויף פון זיין הויז,
האָבן אים ווערים פאַרצערט — געבליבן ריטלעך בלויז.
האָט ער אַ הויז זיך געבויט, אַ ווייב זיך גענומען,
האָט זי זיין לעבן פאַרגרויט — אַ טרוים איז צעשוואומען...

וואָלגערט ער אום זיך אַליין;
זוכט זיין טרוים אַ ניי שטרעבן.
זיין האַרץ פילט ווי אַ שטיין;
אַזוי וועט פאַרגיין שוין זיין לעבן . . .

איך בין בייז אויף יעדן

איך בין אין קריג און בייז אויף יעדן,
וואָס טראָגט דעם פאַלשן שמייכל קעגן —
פון אַהינטן וועט ער דיך באַרעדן,
וואָס שניידן וועט מיט טומפּע זעגן.

האָב מער פיינט פאַר זאָגן זיי דעם אמת,
פאַר אויפהויבן מאַסקע פון פאַלשן פּנים,
פון לאַנג האָב איך געזאָגט מיין רמז: —
פאַר רופן פאַלש-מענטש—קריגט מען שונאים!...

אַ מיידל ביים זייט

מיט אַ בוך אין האַנט און אַ מיידל ביים זייט
וואָלט איך געשפּאַנט אין חלום פון צייט.
מיט אַ גלעזל וואַסער, מיט ברויט און זאַלץ,
דאָס וואָלט מיר זיין — פאַרפולט מיט אַלץ.

איך דאַרף נישט פיל, איך וויל ניט פיל,
אַ מאָלצייט זאַט, נאָר רו און שטיל . .
איך רויכער נישט, איך טרינק נישט מער!
מיין לולקע רוט — מיין בעכער לער . . .
אַ לידער-בוך, אַן איבסען דראַמע:
אין חלומות פלי, אין פאַנטאַזיעם — קלאַמע . . .

באַלאַדעס

פאָלקס לידער

ליבעס לידער

און

סאָנעטן



באַלאַדעס - פאָלקס לידער

●

איך טראָג אויף דיר קיין כעס ניט

(באַלאַדע)

האָב פאַר דיר, אַמאָל, געדיכט אַ ליד —
מיין טייערע ליבע סיידי;
דאַן ביסטו געווען — אַן אַרבעטס־האַנט
און איצט אַ רייכע „ליידי".

האָסט פאַרביטן מיך פאַר געלט,
צו האָבן פאַרגעניגן;
איך ווייס דיין פרייד און רייכע וועלט,
איז בלויז אַ גרויסער ליגן.

נאַרסט אי זיך, דיין מאַן און מיר:
איך זע אין דיינע אויגן,
עס האָט די לוקסוס, דיין ווייכקייט דיר
דיין שיינקייט אויסגעזויגן.

גייסט אַרום, ווי אין דער נאַכט —
אַ וואַנדערער אין דרימל;
און אימער זע איך דיך פאַרטראַכט,
ווי אַ פאַרכמאַרעט הימל.

נאָר ווייסן זיי: איך טראָג אויף דיר
קיין כעס, נאָר באַדויער;
עס ברעכט מיין האַרץ צו זען דיך
אין רייכקייט און אין טרויער.

אַ טראַגעדיע

(באַלאַדע)

פאַר יאָרן געלעבט האָט אַ שניידער,
אַ הויקער געבויגן, ווי אַ פראַגע־צייכן.
אַ זאָרגלאָזער, אַ פריילעכער אימער,
אַ פנים אַ גוטן, מיט אַ שמייכל אַ ווייכן.

געהאַט האָט ער קינדער, ווי טרעפן,
אַ יאָר פון דעם צווייטן, צען צוזאַמען;
זיין ווייב ז׳געווען אַ יונגע, אַ שיינע,
ניט ווי פון קינדער צען — אַ מאַמע.

ז׳איינמאָל געקומען אַ פראַנטל ז׳שטעטל
און דאָס ווייבל פאַרדרייט האָט איר קאָפּ:
האָט זי פאַרלאָזן דעם מאַן און די קינדער,
איז מיטן פראַנטל אַוועק אין גאַלאָפּ.

מאַן האָט געוויינט, זיך געבעטן ביי איר:
פאַרלאָז מיך ניט טייערע, טייערע עטל;
ביסט דאָך אַ מאַמע פון קינדערלעך צען,
אַ זויג־קינד נאָך איצט ליגט אין בעטל.

ס׳האָט ניט געהאָלפן, טענות, קיין רייד,
ניט מאַן און ניט שכנים, ניט מוטער,
אַזוי פאַרכישופט האָט איר זיין צונג —
ס׳איז אַריין אין דער פרוי אַ ניטגוטער.

שכנים האָבן געבאַוועט דאָס קינד,
דער שניידער איז אַ שאָטן געוואָרן;
ער האָט זיך געוואָרפן אַהער און אַהין,
ער האָט זיך פאַרשאָלטן די יאָרן.

איינמאָל גאַנץ פרי, ז'אַ שנייאיקן מאָרגן,
איז משה אין שול קוים דערגאַנגען;
גערופֿן מיט געוואַלדן האָט ער נאָך הילף,
אין פאָרהויז האָט זיך עטל געהאַנגען.

הינטער בית-עולם האָט מען זי געלייגט,
דער שניידער האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרלאָרן:
פּלוצים איינמאָל אויך ער איז פֿאַרשוואונדן;
אויף איר קבֿר ט'מען אים געפֿונען פֿאַרפֿראָרן . . .

פ ר י י ד ל

(באַלאַדע)

יאָ, כ'האָב פֿון דעם געהערט לאַנג-לאַנג, אַמאָל.
פֿריידל איז דאָס צירינג געווען פֿון שטאָט און גאַס.
איר וואָרט, ווי מוזיק, האָט געקלונגען איר קול,
און באַקן, ליפּן — רויט, ווי ווײַן פֿון פֿאַס.

איר טראָט האָט געפּייקלט, גערוישט האָט איר קלייד,
און מענערשע בליקן גערימען מיט געוואַלד:
רכילות אין שטאָט ט'מען געפּלאָכטן שטילערהייד,
אַז מע זעט זי שפּאַצירן מיט וואַסקען אין וואַלד.

און וואַסקען האָט יעדער געקענט און געוואוסט.
זיין בלאָנדן קאָפּ-האָר, זיינע אויגן גרוים-גרינע;
אַז גרוים איז געווען צו פֿרויען זיין לוסט
און פֿרויען פֿאַר אים זיינען געגאַנגען פֿון זינען.

אַ פֿרוי, אַז זי גייט שוין מיט וואַסקען אין וואַלד,
ווערט פֿראַגעס געוואָרפֿן, קריגן אויגן פֿאַרדאַכט! . . .
האָבן די גאַסן צעזונגען אַ לידעלע באַלד
און יינגלעך און מיידלעך האָבן ווערלד באַוואַכט . . .

פריידל ז׳וואַסקע פלעגן פון וואַלד מיט געלעכטער,
געאַרעמט אַרויסגיין מיט ליכטיקע אויגן,
פלעגט לבנה אין הימל זיי זיין ווי אַ וועכטער —
צווינגען די רכילותניקעס שלאָפן גיין לייגן.

און ווייטער דערציילט די באַלאַדע, די שיינע,
אַז וואַסקע דער קניאַז האָט זיך מגייר געווען:
אַז פריידל פאַרבליבן איז פון אַלע זיין — איינע —
אַזוי ווי אַ ראָמאַן וואַלט זיך עס געלעזן . . .

ס׳ברויזט אין מיין בוזעם

און ענדלעך עס האָט מיך אַמאָל
אויף זיין יאַכט אַנגעטראָפן.
זיין בליק איז געפאַלן אויף מיר
און די פייל האָט אין הארצן געטראָפן.

איך גיי איצט פאַרוואונדעט
מיט שווערע יסורים און שמערצן,
איך פיל ווי וואונד פון דער ליבע
גראָבט זיך אַלץ טיפער אין הארצן.

זי האָט מיר מיין הארץ אַנגעצונדן
מיט נייע געפילן,
ס׳ברויזט אין בוזעם אַ שטורעם —
איך קאָן אים ניט שטילן! . . .

האָסט זי פאַרזען, פאַרנאַכלעסיקט

וועק נישט די וואונד פון מיין הארצן,
כ'האָב שוין געמיינט, ס'איז פארהיילט:
וועק נישט די בענקשאפט — מיין ליבע —
אונדזער גליק האָט אַן אומגליק צעטיילט.

דו האָסט זי פארזען, פארנאכלעסיקט,
אירע בלומען האָסטו צעטראָטן;
פארוואונדעט זי גייט איבער וועגן,
פון איר שיינקייט ז'געבליבן — אַ שאָטן . . .

כ'וויל אַ מאַן זאָל האָבן מיך האָלט

(פאָלקס־ליד)

כ'זוך ניט קיין רייכטום, קיין צירינג, קיין גאָלד;
כ'זוך נאָר אַ בחור זאָל האָבן אים האָלט;
כ'וויל ניט קיין דינסטן, כ'וויל קיין באַדינער;
כ'וויל אַ בעט אַ ריינע, אַ ליכטיקן צימער.

כ'וויל ניט קיין עופות, קאַטשקעלעך פעטע;
כ'וועל זיך באַנוגענען מיט אַ פשוט דאַיעטע.
צופרידן וועל איך זיין מיט קרופניק, מיט ברויט —
פון פשוטן עסן קריגט מען באַקן רויט.

שקראָבען וועל בריקן, וואַשן וועל גרעט,
אַבי וויים באַדעקן די הילצערנע בעט:
כ'וויל ניט קיין רייכטום, קיין צירונג, קיין גאָלד,
כ'וויל אַ מאַן, ער זאָל האָבן מיך האָלט! . . .

יאקל

אַ פֿאָלקס־ליד

יאָקל האַלט די יאָרן אויפֿן פּלייצע,
און טראָגט געבויגן מיט געדולד,
פֿרעגט ביי קיינעם נישט קיין עצה —
ציניקער, ווי הינט איר בילט!

ס'האָט לעבן אים דערפֿאַר געשאָנקען
געדולד, ליבע, צו אַלץ וואָס לעבט;
אַ גוט־וואָרט יעדן, צו געדענקען,
אַ בליק מיט צאַרטקייט — דורכגעשוועבט.

ער טראָגט דעם לעבן פֿול מיט שכל:
אויב אַן עוולה? — ער פֿאַרקוקט;
פֿאַרקוועטשט ווייטיק מיט אַ שמייכל —
הגם אין האַרץ האָט שטאַרק געצוקט.

אַזוי לעבט זיך אונדזער יאָקל,
געציילטע זיינען זיינע טריט:
אָפּט אין גאַנג גיט זיך אַ שאָקל
און ווידער פֿריש ווערט זיין געמיט.

אַ ראָזעווער דרימל

טויזנט ווערטער קאָנען נישט זאָגן,
וואָס סע זאָגט צו מיר דיין בליק;
מאַכסט מיך פֿודן גרינג צו טראָגן,
רייסט פֿון צווייפֿל מיינע שטריק.

דיינע אויגן ליכטיקן מיין וועג,
פֿאַרשפּרעכסט צוקונסט בלויען־הימל;
מיט זון וועסט וואַרעמען מיינע טעג,
זיין וועט לעבן אַ ראָזעווער דרימל.

די שפּעטע ליבע

ליבע האָט מיך געלערנט צו באַרגן,
די פֿריינטשאַפֿט פֿון טויב.
ריינע ליבע האָט פֿילע זאָרגן,
וואָס מיין האַרץ געלוסט איך לויב.

שפּעטע ליבע גיט נאָר ליידן,
זי צינדט אָן אַ טיפֿן שרעק
ס'ווילט פֿון ליבע זיך נישט שיידן,
כאָטש אפֿילו ווען שטייסט אין וועג . . .

ביסט ווי אַ חלום

זון האָט געקושט דיינע בלאָנדע האָר,
ווי ליפּן וואָלט געקושט מיט גרויס פֿרייד.
ווי וואָלט איך איצטער זון געוואָלט זיין,
וואָלט איך געקושט זוים פֿון דיין קלייד.

דיין קליין פּנים, וואָס שיינט ווי אַ בלום,
וואָלט איך מיט מיין אָטעם געגלעט:
ביסט אַ חלום ביי מיר — אין אַ וואָר —
אַ חלום אין אַ גאָלדענער בעט.

איך האָב געהאַט אַ חתן

פאָלקס־ליד

איך האָב געהאַט אַ חתן, אַ חתן אַ ליבן,
פארלאַנגט פון אים האָב מער ווי אַ קרוין;
איצט בין איך אַן אַלט־מויד פארבליבן —
וויין איך אין דער שטיל, אַליין.

איך האָב געהאַט אַ חתן, אַ חתן אַ ליבן,
האָט אים מיין חברטע פון מיר אָפּגערעדט;
איצט בין איך אַלט, זיבן מאָל זיבן
און צו מיין חרטה געווען איז צו שפּעט.

איך האָב געהאַט אַ חתן, אַ חתן אַ ליבן,
האָב מיט אים צופיל קאָקעטירט;
אַזוי האָב איך פון מיר אים פארטריבן:
מיט גאָר מיין שיינקייט האָב איך באַנקראַטירט.

איצט בין איך האַרט ווי אייזן

כ'האָב סוד געהאַלטן אין מיין האַרץ,
האָב דיר נישט דערציילט;
האָב ווייַ באַגראָבן טיף איר מיר:
ביז סע האָט זיך אַליין פארהיילט.

דיך געליבט מיט צאַרטקייט פון אַ קינד,
ווי אַ הייליקייט אין מיין געדאַנק;
ווי אַ חלום פון אַ צויבער־בילד —
ווען ס'האָט דורכגעשוועבט דיין גאַנג.

איצט ביסט שוין אַלט, ביטער, שלעכט,
גריזשעסט ווי אַ וואָרים רייפע פּרוכט:
האָב שוין פון דיין גריזשען ווײ געפילט —
האָסט מיין לעבן מיר פאַרפלוכט.

האָב דעם ווײ קיינעם נישט דערציילט,
האָב זיך געשעמט פאַר לייט צו ווייזן;
דיין נעגעניש האָט מיך פאַרשטיינט —
איצט בין איך האַרט ווי אייזן.

האָב געליבט נאָר איינע אַזאַ

פאָלקס־ליד

האָב געליבט נאָר איינע אַזאַ,
וואָס וועט ליגן אין מיין זכרון.
ביז זילבער וועט דעקן מיין קאָפּ
און טיף וועל זינקען אין יאָרן.

עס טראָגן זיך אויגן און זוכן,
און זוכן איר שטראַלענדן בליק.
כ'ווייס אָן איר לעבן איז ליידיק —
קיין איינציקע שעה, אָן קיין גליק.

האָב געליבט נאָר איינע אַזאַ,
וואָס שטייט מיר אַקעגן די אויגן:
בענקען וועל איך נאָך איר
ביזן קבר וועט מען מיך לייגן.

אַ ליד

דיין בליק אַ שפּיז, דיין וואָרט אַ האַק
און איך דער קרבן.
עס פליט אַ פויגל, עס פאַלט אַ בלאַט,
מיין טאָג איז אָפּגעשטאָרבן.

עס קומט די נאַכט, ניטאָ קיין רו.
דו וואַכסט אויף מיר, גיהנום.
די נאַכט פאַרחלומט און קרעכצט נאָך צו,
מיט אַ זיפץ אַ דינעם.

איז זאָג מיר, נאַכט, איז דאָס פאַר מיר?
דיין זיפץ, דיין קרעכץ און טרערן.
דו הערסט דאָס כריפּען פון מיין ליר —
דו הערסט מיין אָטעם שווערן.

דער נעכטן אַוועק

דער נעכטן אַוועק — היינט איז אין וועג,
יאָגט לעבן, ס׳פאַרשווינדן די טעג.
אַזוי ווי אַ טייך פליסט ער און פליסט —
אָט געבליט און אָט שוין פאַרוויסט.

ערשט ווי אַ בלום, מיין ווייב האָט געבליט.
איצט געבויגן מיט קינדערשע טריט:
געווען בין איך אַ טענצער, אַ שפּרינגער,
איצט; בין באַלד אַ פאַרוויאַנעט בלאַט . . .

די אָפּגעלעבטע פּרימאַדאָנע

ווער האָט דעם שיינעם שמייכל פון דיינע ליפּן אָפּגעפּליקט,
דיין שיינעם קאָפּ מיט זילבער־שטויב באַשאָטן,
און דיינע מידע אויגן אויסגעלאָשן, ווי די נאַכט,
דיין פויגל־שטימע זינגען דיר פאַרבאָטן?

— ס'האָט דער הארבסט מיין שמייכל אָפּגעפּליקט
און די עלטער מיט שניי מיין קאָפּ פאַרהעלט;
מיינע עיניים, וואָס האָבן צופיל פון אַלץ געוואָלט —
א נאַכטיגאַל צו בלייבן האָט כוח מיר געפעלט.

כ'האָב דער וועלט געגעבן מיין יוגנט און מיין פּראַכט,
פאַרגעסן אַז די יוגנט שטייט ניט אויף אַן אָרט;
כ'האָב מיין אייגן גליק — די ליבע, אויסגעלאַכט —
איצט זוך איך אַ נאָנטן פריינט — אַ פריינטלעך וואָרט!...

עצבות

אַ פּערלדיקע טרער האָט איר אויג אַרויסגעשלוכצט,
אויף די פולע באַקן פאַסן־פייכקייט אָפּגעשטעמפּט
און מיט די קליינע צווייגיק־פינגער אויפן ברעם —
אַ זיפץ האָט זיך פון איר אָפּגעריסן טעמפּ . . .

אַ נאָזטיכל פון דין־ווייסן לייוון
ט'זיך געפּעכערט פון די אויגן צום קליינעם נאָז.
איר שיינער פּנים האָט געגאָסן מיט זונען־שיין
און נאָך אַלעמען פאַרדרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

א קוואַליק־וואַלקן, ווייסער רויך האָט זיך געוויגט
און האָט אָפּגעהאַקט אַ שטיק פון בלאַנדן קאָפּ;
מע האָט געזען, אַז טיף אין האַרצן דריקט
און ווידער איז אַ פּערל־טרער פון אויג אַראָפּ.

— גאָט, אַ גאָט; ווי אַ תפילה האָבן אויגן פלאַטיק תויך,
ווי אַ וואָלקן אירע בלאַנדע האָר, האָט זיך געוויגט.
ווידער פאַרצויגן און אַרויסגעשאָסן אַ וואָלקן רויך,
און מיט די הענט דעם שיינעם פּנים איינגעדריקט.

האָסט מיין תפילה צוגעהערט

(באַלאַדע)

ער רעדט, ער רעדט זיך אָפּ פון האַרץ,
מ׳דענקט ס׳איז קורץ די צייט געבליבן
און ס׳העלפט אים צו די פיבערדיקע היץ,
וואָס האָט זיך שטופּנווייז אָנגעקליבן.

ער רעדט, ס׳קומט אליין די ווילדע רייד,
עס רעדט זיך אָן אַ זין, אָט גלאַט אַזוי;
קעמפט, ער רעדט, אַ דאָן־קיכאָט מיט ווינט,
זיין פּנים ברענט מיט פאַרב פון גרוי.

עס שטייט פאַרצווייפלט ווייב און קינד,
שטאַרבן גרייט איז זי מיט מאַן;
דריקט צום ברוסט דאָס ברעקל קינד —
פאַרלירן ליבן איז ערגער דען פאַראַן?

גאָט, כ׳בעט פון דיר קיין סך:
ברויט גענוג וועט זיין; שענק מיין מאַן!

אָרעם זיינען מיר, נאָר רייך אין האַרץ:
אין זיינע טריט גייט נאָך מיין שפּאָן.

האָב ליב, ליב צו זיין זיין ווייב.
גאָט, כ'בעט פון דיר ברויט און אים:
אָן אים גאַרנישט לעבן האָט קיין ווערט:
אַ ברומיק קווימש צעריסן האָט איר שטים!

די גרויע הייז פאַרשוואונדן איז אין שוויים,
אַ רויטקייט באַצירט זיין פּנים האָט.
געבויגט די קני האָט זי מיט הענט אַרויף:
האָסט מיין תּפילה צוגעהערט, אַ גאָט! . . .

ל י ב ע

די בענקשאַפט גיט מיר ניט קיין רו,
איך געפין ניט קיין רו, קיין פּלאַץ;
איך ווייס ניט וואו, זוכן דיך וואו?
אין בייזקייט פון נעגל פון קאַץ?
אין די אומשולדיקע אויגן פון קו?
כ'ווייס נאָר רו, קאָן נאָר געבן מיר דו!

כ'וואָגל אַרום אָן אַ ציל,
כ'ווייס ניט אַליין וואָס איך וויל —
ס'יאָגט מיך אַרום ווי אַ ווינד;
מיט אָפענע אויגן בין בלינד, —
כ'בין אין דיין האַנט, ווי אַשפּיל;
אָן דיר, איך בין גאָר ניט — כ'פּיל! . . .

1912

סאָנעטן

●

זי האָט מיט אירע לאַנגע פינגער

פאָלקס־ליד

זי האָט מיט אירע לאַנגע פינגער
געפלאָכטן אירע גאָלדענע צעפּ,
ווי פלאַמען צעלאָזענע צינגער
עס פאַלן די האָר אויף די טרעפּ.

די אויגן, די בלאָע, פאַרטראַכטע,
פאַרטיפן צום הימל אַרויף:
מיט אומעט, מיט בענקשאַפט פאַרשמאַכטע,
עס ציט זיך איר בייגזאַמער גוף.

אין פורפור באַדעקט איז דער הימל,
די בלויקייט צעמישט זיך אין גראָ.
די נאַכט לייגט זיך שטיל ווי אין דרימל:
זי מורמלט, ער איז נאָך ניטאָ.
זי רייסט אָפּ אַ בלום רויטע בלימל:
ביז טויט אויף דיר וואַרטן וועל דאָ . . .

אידיליע

מיט פאַרחלומטע אויגן שמייכלט די לבנה
און קוקט אַראָפּ אויף גרינע פעלדער פלאַך;
שאָטנס דעקן איין די ערד מיט קוימענס לאַנגע
פון פרישן שטרוי, ווי גאָלד שיינט אָפּ דער דאַך.

און אויפן פעלד, ווי דימאַנטן צעשפּריצן
די טראָפּנס טוי, וואָס טרינקען פון דער נאַכט;

אויפֿן גאַניק ליבע שפּילט, דער הונט מיט ציגל,
די ווייסע ציג קוקט אויף זיי פֿאַרטראַכט.

דער פּויער־ייִנגל פֿירט די פֿערד אויסרוען,
אַ סערענאַדע זינגט דעם קאַטערס מיוקען;
דער ביק לויפֿט אום פֿאַרשמייעט און ער זוכט . . .
דעם פּויערס טאָכטער שלייכט אין שטאַל אַ שטילע:
דער פּויער יונג איר מאַכט אין היי אַ בעט אַ קילע,
איר מאַמע רופֿט אין הויז אַריין און פֿלוכט! . . .

אָן איר

איך האָב מיט זאַפּטיקע בליקן אויף איר געקוקט
און זי מיט שוואַרצע עיניים געבליקט אַרונטער.
סטאַאיק־אַקעגן — איך וואָלט פֿאַר איר געבוקט
און באַרירט די ליפּן אירע — צונטער.
חן האָט געגאָסן פֿון אירע באַקן־גריבלעך,
ווי צוויי שיפֿלעך אירע רויטע ליפּן,
זי טראָגט הונדערט וואונדער, און איז ליבלעך:
אין מאָדנעם געפֿינט מען אַזוינע טיפּן.
ווי אַ חלום איז זי פֿאַר מיר אויפֿגעקומען,
ווי פֿון לבֿנה אַרויסגעשוואומען —
אַ מלאך, פֿליגלען האָט איר געפֿעלט.
גאָט, מיין חלום נישט פֿאַרשטער מיר;
גאָט, מיין תּפֿילה נעם אויף, דערהער מיר;
אָן איר גאָרנישט איז מיין וועלט.

1912

כ'וועל דאָס קיינמאָל נישט קאָנען

איך האָב זיך באַקלאָגט אויפֿן לעבן,
אַז ער האָט מיר שלעכטס נאָר געגעבן.
נו, ווי לאַנג זשע וועסט זיך באַקלאָגן?
פֿאַרדריִיט האָב איך דעם וואָגן.

גענומען די לייצעס,
פֿאַרקוועטשט מיט די פּלייצעס;
אפשר בין איך דער שלים־מזלדיקער?
דער נישט געדולדיקער:

אַפּריער שאַף וואָס, שאַף וואָס!
ס'איז ניט ווײַן באַטעמטער אין דיין כוס:
וואָרום באַקלאָגן זיך? — אַזוי איז לעבן:
איינעם האָט גאָט גליק געגעבן:
הגם כ'זע די שטופּער — מאָנען —
איך וועל קיינמאָל דאָס נישט קאָנען! . . .

שטייאויף

געשפּאַנט האָט זון דורך פֿענצטער
און געשפּינט מיט שטראַלן גאָלד.
געגלעט מיין פּנים: האָב דיך האָלט,
מיך אויפֿגעוועקט ווי אַ געשפּענסטער.

אַוועק, פֿאַרשוואונדן איז די שרעק
פֿינצטער נאַכט איז שוין אַוועק:
שטיי אויף, פֿאַרוואַרף זאָרג פֿון נעכטן,
פֿון אַלע בייזקייטן און שלעכטן.

אַ נייעם טאָג וועבט זון מיט שפּיזן,
נאָר שטעכן שטעכט ניט אירע שטראַלן.
ווייך און צערטלעך אויף דיין פּנים פאַלן,
הגם זיי שווערדן ווי די ריזן! —
אַרוים אין גאַס בין איך אַ מידער,
זינגען שירה צו דער וועלט מיט — לידער — —

קום

קום, ליכטיק מיין הויז —
ס'איז ענג מיר די גרוים.
עס הילכט אַפּ מיין טראַט,
סאַרקאַסטיש מיט שפּאָט:

אַט האָסטו אַ שלאָס
מיט שפּיגלען אַרום,
און גיסטו אַ נאָס,
עס ענטפערט אַ ברום.

האַ הו, האַ הו, הו האַ.
עס קלינגט אָפּ, וואַנט צו וואַנט,
און פּלוצים, שטיל און שאַ,
ווי ס'וואָלט אַפּגעשטעלט — אַ האַנט! . . .

קום, פּיל אָן מיין הויז;
ס'איז ענג מיר די גרוים! . . .

פרילינג און ווינטער

דאָס פעלד איז באַגאָסן מיט בלענד פון דער זון,
דאָס פערד שלעפּט דעם אַקער און שניידט טיף די ערד,
אין קורניק צעשרייט זיך מיט געוואַלדן די הון:
אַן איי ערשט געלייגט דאָרט, אַ צענער די ווערט.

דער האָן לויפט צום קורניק און בורקעט: קו, קו . . .
די פייגעלעך ריען און זוכן אין הנאָי.
דער פויער, פאַרמאַטערט ביים אַקער, נעמט רו —
דער פויער איז אַלט שוין, יונג איז זיין פרוי.

זינגט זאַרגלאָז די ווייב, ווי די פייגל אין וואַלד:
אַזוי ווי אַ דעמב, איר געבוי, איר געשטאַלט;
אויגן וואָס זוכן און בענקען נאָך וואָס . . .
— אַ פרילינג וואָס לעכצט נאָך טוי און נאָך רעגן,
נאָר ס׳קומט אַן איר מאַן, ווי דער ווינטער, אַקעגן: —
פאַרקילט ווערט דער פרילינג — ס׳איז אַ פאַרדאַס! . . .

1922

אַ שעלי

אַ, שעלי, שעלי, ווי ס׳גיסן זיך צויבער-קלאַנגען פון דיין ליד.
נאָר איכה׳דיק מיט צער, מיט וויי איז דיין געזאַנג;
עס גיסן זיך האָניק טענער, זיסע, ווי אַ פויגל זינגט,
און פון דער האָניק-זיסקייט גיסט זיך טרויער-קלאַנג.

צו דרייסיק יאָר ביסט אַלט און גרוי — צעקנייטשט,
לונגען אויסגעטרוקנטע, אויסגעהוסטע, אויסגעשפּיגענע;
דאָך זיינען דיינע לידער זינגענדיק געפלאָסן —
פול מיט זאַפט פון דיין מויל; מיט בלוט געשריבענע.

איז דיין יעדע שורה דורכגעוועבט און דורכגעליטערט,
מיט לבנה־זילבער מאַטקייט, מיט גינגאָלד פון דער זון;
מיט שטערן דימענטן, רובינען, געל־בלאָע, בליצנדע,
פון בלאָען הימל און בלאָע טייכן און בלומען פון
די זעלטענע ווינקלען פון דער זאַפטיקסטער ערד,
און פון עלטערע פּאָעטן, אייביק דיין נאָמען
לעבן איז באַשערט.

איך הויב די הענט און רוף

נישט פילע פאַרמאָגן צו דערפילן מיט שכל —
די לצנות טראָגן שניט פון שקר־בליק;
אין וואונדיק־שניט, די פאַלשקייטן פון שמייכל;
ווען מיט סאַרקאַזם קוקט מען הינטער דיר קאַריק! . . .

וואַנדער איך און טאַפּ מיין וועג אין פינצטער,
ווי אַ בלינדער צייל איך מיינע טריט
און ציטער אויף פאַר יעדן שאָרך — אַ מינדסטן —
ווי אין אַ גרעסטער סכנה, בלייב איך שטיין אין מיט.

איך הויב די הענט און רוף: רבונו־של־עולם,
העלף מיר, גאָט — העלף מיר אין מיין גאַנג;
איך וואַנדער אום פאַרלאָרן ווי אַ גולם —
פאַרלאָז מיך נישט אין מיט פון מיין געזאַנג.
עס רייסן טענער זיך און בעטן זיך אין לידער —
גאָט, שיק מיר די מענעמאַזינע * ווידער.

* מענעמאַזינע — געטין פון זכרון.

טייל דיין פרייד

ווען עס שלאָגט שמחה אין דיר, ווי ווײַן פון שפּונט,
דאַן טייל דיין שמחה מיט דיין עלנטן שכן;
דאַן גיב צו פויגל, דיין הויז־חיה, דיין הונט —
ווען סטו שטאַרקער דיין גליק פילן, מיט אַ ברכה!

ווען גייסט דיין וועג, אָן קיין שטרויכל דיין טראָט,
דאַן שטעל צו דיין אַקסל דעם מידן אין וועג;
דאַן טראָג אין דיין הארצן דיין בטחון אין גאָט,
אַז ער וועט דיך דערפירן צו ליכטיקע טעג.

זוכסט נישט פיל, וועט דיין האַרץ האָבן רו;
וועט דיין מאָגן פאַרדייען און פילן ווען סטו זעט,
און בלאָ וועט דער הימל זיין אומעטום וואו —
ווייך וועט דיר זיין, וואו דו ווען סטו שטעלן דיין בעט.
ווען סע זינגט אין דיר שמחה און זון איבער דיר:
זע, פאַר דעם וואַנדערער זאָל זיין אָפן דיין טיר.

ווי איך מאָל

וועב מיינע לידער, ווי אויף לייוונט געמאָלן,
האָב אין די פאַרבן געמישט מיט מיין בלוט;
אַ קווייטל אַ ראָזע, געלעבט האָט, געאָטעמט —
אַ פאַסטוך געשפּילט האָט, מיט בענקשאַפט זיין פלוט.
אַ הימל אַ בלאָער, מיט בלוטיקע ראַנדן,
ווי ערשט וואָלט געקוילעט אַ נאַצי אַ ייד!
די זון, ווי אין קראַמפּן, האָט זיך איינגעטוליעט
אין נאַכטיקן מאַנטל — פאַר'אבל'ט און מיד . . .

ס'האָט זיך צעקרייזלט מיט וואָלקנס דער הימל,
עס שלאָגט פון מיין הארצן, ווי דונער מיט קראַך:

עס שלייכט אַ פאַרגעוואַלטיקטע יידישע טאָכטער —
פאַר נאַצים איז דאָס שוין אַ געוויינלעכע זאַך.
כ'מאָל מיינע לידער, מיט בלוט פון מיין הארצן:
ווי לאַנג וועט דער הימל באַדעקט זיין אין שווארצן?...

1939

פ אַ ל ט אַ ש נ י י

פאַלט אַ שניי אין דרויסן „און אין שטוב איז היים",
זיץ איך ביים הרובע, פון היץ אַזש גייט אַ שוויים.
בלומען אויפן פענצטער, געמאָלן פון אַ קינסטלער
נ'דער פראָסט דער קאַלטער, מאָלט ער אויכעט איצטער.

לערער, אַ פאַרשוויצטער, לייענט אונדז אַ מעשה;
מיר פאַרטיפטע הערן, ס'איז די שטאָט אַ ווייסע.
ביימער איינגעהילטע, פונקט ווי פאַראַמידן,
איינגעהילט אין קיטלען, ווי יום-כפור יידן.

זאָגט צו מיר דער לערער: דוד'ל, דו לייען;
לייען נאָר געלאַסן — רואיק אָן געשרייען.
זאָלן אַלע קינדער הערן ווי דו לייענסט;
אַ ביישפּיל זיי צו ווייזן, ווי מער פון זיי דו ווייסט.
פאַלט אַ שניי אין דרויסן, אַלץ אָרום איז ווייס.
שטיי איך און איך לייען, וואָס איך קאָן איך ווייז! . . .

תפילה לידער

●

וויין נישט, מיין הארץ

וויין נישט, הארץ, האסט פיל שוין געוויינט,
די אויגן זיינען שוין אן טרערן.
העלפן וועט תפילה האב איך געמיינט;
נאך וויינען וועט גרינגער ווערן.

כ'וויין שוין זינט איך בין געבארן געווארן,
געוויינט ווען מ'האט פאר א ייד מיך געמאכט;
טייכן, אך טייכן פון טרערן — די יארן —
פארפאלגט דורך טאג און דורך נאכט.

וויש אוים די טרערן זאלן נישט רינען,
שטעל זיך אקעגן האנט וואס ס'שלאגט:
הויב אן דעם חלום דעם אלטן ניי שפינען
פון נאכטיקן לעבן צום זוניקן טאג.

נים מיט געבעט וועסט גאולה געפינען,
נאר מיט זעץ פון פויסט קעגן פיינט;
שונא באזיגן, וועבט זיך אין זינען —
קלאג פון נעכטן — זינגען וויל היינט! . . .

באַשעפער מײַן גאָט

נאַכטיקער חושך, געזוכט האָט מײַן בליק,
אַ שטראַל, אַ שטערן, באַלײַכט האָט מײַן װעג.
קרום גײט װעג, אַנשטאָט פאָראױס — צוריק —
בלאָנדזשע איך אין כמאַרעס, אַזױ מײַנע טעג.

טראָג איך אין בוזעם אַ בענקענדע װאונד,
ס׳גײט אָן אַ זין, גאַנג און מײַן טראָט;
רוף איך צום הימל, זוך אַרום — רונד —
פיר מיך צום גלײַכן באַשעפער מײַן גאָט!

שבת קודש

צעפּאַלענע קלאַנגען פון צעצנדערנער שקיעה
צעהילכן סודותדיק פון טעגלעך געאײל;
זוכן אַ װינקל צו שטילן די בײנער פון מיע —
צו פאַרגעסן די יאָכיקע דאגות אַ װײל.

שבת קודש — די ליכט בלענדן — דער טיש — רײן
געגרײט.
עס פינקלט דער װײַן, די חלה — װײס-ליכטיק.
דער מאָגן אַ פולער — די רו אױף דיר שפּרײט.
עס אָטעמט זיך גרינגער, ס׳איז רײן און ס׳איז ציכטיק.

די װײַב און די קינדער, רײן אױסגעצװאָגן.
די שכינה עס שלאָגט פון זײ אַלע אַרױס.
די שײנקײט צעלײַכט זיך װי אין אַ זוניקן־טאָגן: —
אָך שבת קודש — דײַנע װאונדער װי גרױס . . .

די יאָך - װאָך, די שװערע, װערט דיר פיל גרינגער
און הױבט שטיל די אױגן צום הימל אַרױף,
און מורמלט אַ תפילה אױפן מױל מיט אַ פינגער —
מיט מײַן װאָכיקער — מי — שבת-קודש איך קױף . . .

גאָט, כ׳קוק צו דיר

גאָט, כ׳קוק צו דיר מיט פאַרווייגטע אויגן,
ווען לעבן בריט און בראָט מיין לייב.
שלעכטע, האָבן מיין גוטסקייט אויסגעזויגן,
מיט בלוט די ווערטער איך באַשרייב.

דער וועלט מיין גוטסקייט האָב אָפּגעגעבן,
האָב פון איר קיין שכר פאַרלאַנגט;
כ׳האָב זון־חלומות נאָר געוועבן,
אַלעמען געשאָנקען — און נאָך באַדאַנקט.

זיי האָבן מיינע חלומות אויפגעגעסן
און פאַרטרונקען מיט מיין בלוט.
איך האָב שבעה נאָך זיך שוין געזעסן —
ווי איעדער אָבל — טוט!

גאָט, כ׳וואָלט זיך נישט באַקלאָגט,
נאָר ס׳טוט וויי ביז לעצטער ריפּ:
אפשר וואָלסט מיר אַן עצה געזאָגט.
אַ טרייסט־וואָרט פון דיין הייליק ליפּ.

עס פלאַמט אין מיר אַ פייער־ברען
און טראָגט מיך אין אַ ווילדן לויף —
באַהערשן קאָן זיך ניט, ניט קען —
עס שלאָגט אַ פייער אָן אַ רויך . . .

עס שרייט פון מיר מיט טויזנט שטימען
אַן אומרואיק־שד עס ליגט אין מיר:
ווי געבונדן וואָלט מיט אַ שווערן רימען
און פאַרהאַקט אונטער אַן אייזן טיר.

מלאכים זינגען

אין די קעסטלדיקע ווערטער פון מיין בוך
קלאפט מיין הארץ — טיק-טאק-טיק!
און וואס מערער דארט איך זוך,
טוט אין מוח מיר א פיק:

וויפיל מאל האט אין מיין מוח,
דורכגעקנייטשט מיר האט מיין שטערן;
וויפיל ציטער, וויפיל כוח,
ביז דעם לעצטן זילב פלעג הערן.

קוק איך אויף די שווארצע פינטלעך,
שיינט ארוים פון זיי ווי שטערן;
גלעטן מיך ווי לינדע ווינטלעך —
מלאכים זינגען וואלט איך הערן.

בעט גאט

עס מאטערט מיך דער געדאנק
און ס'וועבן געשטאלטן אקעגן,
און ס'וועקט אויף מיט שרעק יעדער קלאנג
און ריפען ווי טומפיקע זעגן.

הער אויף פון זיך שטיקער צו רייסן,
ס'איז קינדערשער שרעק.
ס'וועט דיך דער אומעט צעבייסן: —
בעט גאט, ער זאל היטן דיין וועג.

דו ווער מיין פירער

לייגט ניט קיין דערנער אין מיין נאַכטיקן וועג,
ס'איז מיר געגוג חושך פון לעבן די טעג;
די זון איז מיר פרעמד, אין ליכטיקן טאָג —
ווי בלייענע וואָלקנס, שווער דריקן ווי וואָג.

די וועלט האָט פאַרשלאָסן פאַר מיר יעדע טיר,
גיפטיקע שלאַנגען, וואו איך גיב מיך אַ ריר.
רוף איך צום הימל — וואו ביסטו, מיין גאָט? —
דו ווער מיין פירער, באַשיץ מיר מיין טראָט . . .

גאָט — דיספּאָנירן

מיט ציטער האָט דער טאָג זיינע אויגן פאַרמאַכט,
די נאַכט האָט מיט טויזנטער אויגן זיך צעבליצט.
איך ליג שוין פאַר שעהען מיט אויגן פאַרטראַכט —
גאָט, דיינע וואונדער, וואָס דיין כוח באַזיצט! . . .

שטערן, זונען־וועלטן, אין דעם חלל, אין דער לופט,
רונדן זיך אין „אָרביט", יעדער ווייס זיין גאַנג, זיין אָרט:
צום רגע גייט יעדער זיין דיסטאַנץ, טראָגט זיין גוף —
דיספּאָנירן קען נאָר איינער: — גאָט, דיין וואָרט!

ווי זאָל איך ניט באַוואונדערן, ניט גלויבן אין דיין מאַכט?
דיין פינגער זאָל באַרירן איין שטערן בלויז;
דיין דיספּאָנירן איז גיגאַנט — בייטאָג — ביינאַכט —
מיט דיין אָטעם בלויז — צעשטויבסט די אוניווערס!...

אַ תּפילה

צי בין איך — איך? צי בין איך נישט?
אין מוח פּלאָנטערט, געדאַנקען — מישט:
וואו איז מיין פעסטער, פלינקער טראָט —
ווי לאַנג נאָך גיין וועל איך, מיין גאָט?

איך וויל, איך בעט פון דיר קיין סך,
האָסט מיר געגעבן ברויט, אַ דאַך.
האָסט מיר געגעבן אַ גוט ווייב, אַ היים —
זע לאָז נישט איבער מיך אליין.

ווען יו-ען האָט געשטימט פאַר ארץ-ישראל

זינג מיין ליד פון פרייליכקייט אַצינדער
מיר האָבן היימלאַנד ווידער ניי געוואונען:
דורך יאָרטויזנטער געטריבן אונדז ווי רינדער —
וויפיל בלוט איז פון אונדז אַרויסגערונען.

טאָ זינג מיין שיר אַ לויב צו דעם דערלייזער,
וואָס האָט געפירט צוריק אונדז צום אַלטן לאַנד:
גאָט צו אונדז געווען איז, ווי אַ פאָטער, אַ בייזער —
אָט גאָר שלאָגט ער און אָט צערטלט דיר זיין האַנט...

כ'שפּאַן צווישן גויים איצט, קאָפּ פאַררייסן הויך.
— אָך, ווען איך קאָן אויף מיין פלייצע ברענגען,
ישראל'ס פאָן הויך אַרויסצוהענגען.
און זינגען די „התקוה" מיט מיין גאַנצן כוח!

נייע לידער

אפשר

און אפשר איז דאָס מיינע לעצטע לידער,
האָב בדיק-חמץ-געוועזן דעם שטנות:
איבערגעזיפּט, ווידער און ווידער
און אויסגעשייערט, ווי שיינענדער מעש.

ווער ווייסט, ווען ער וועט זיין פייערדיק שווערד
אויף מיין ביינענדיק נאָקן לייגן?
און ווען מיין איבערבלייב וועט ליגן אין דער ערד
און ווערים וועלן אברים-ווייס, פרעסן און זויגן.

יעדער וואָרט, יעדער שורה — אויסגעמאָסטן,
געלייטערט מיט מיין אָטעם, מיט מיין געמיט;
בין פון קינדוויים געשטאַנען אויף מיין פּאָסטן
און געטראָטן מיט פעסטע טריט . . .

אפשר איז דאָס מיינע לעצטע לידער?
איך פיל די ערד ציט מיך — נידער, נידער . . .

שבת'דיקע טאָכטער

איך האָב זיך איינגעזויגט אין דיין בליק,
ווי ס'וואָלט דאָרט געברענט צוויי שבת'דיקע ליכט;
אָן אומפאַרשטענדליכקייט, אָגב מיט גליק
האָב איך געגערט פון דיין געזיכט.

דו שבת'דיקע טאָכטער פון מיין שטאָם,
די ליכטיקייט ברייינגסט אין מיין שטוב;
אָן דיר וואָלט געהאַט לעבן קיין טעם —
איך ליב דיך מיט לעצטן אָטעם — ביזן גרוב.

די עלטער, אַז קומט...

איך בין שוואַך שוין און באַדעקט מיט קאַרבן.
מיין גלאַטע הויט האָט אַ געלקייט באַקומען;
אַזוי ווי די הערבסט בלעטער — געלן און פאַלן —
אַזוי וועל איך ווי די בלעטער אויך שטאַרבן.

שטאַרק בין איך און שטייף אַמאָל געווען
און דו אַ ווייסע בלום פון אַ צויבער לאַנד:
דו האָסט דיין צויבער אויף מיר פאַרשפּרייט,
ווי אַ שוואַרצער קינסטלער — מיט זיין האַנט.

האָסט מיר מיט הייליקע ווערטער פאַרשפּראָכן,
אַז די וועלט און מיין הימל, אָן וואָלקנס וועט זיין;
ווייל דיין נאָענטקייט וועט פרישן מיין לייב
און פאַרשיכורן ווי דער שטאַרקסטער וויין.

ווען איך בין יונג געווען, בין איך געווען ווי אַ דעמב;
איצט בין איך באַדעקט מיט קאַרבן:
און דו, כאָטש דו שמייכלסט, ביזט אויכעט צוקנייטשט —
די עלטער, אַז קומט, זיי גרייט צו שטאַרבן . . .

פרעג איך

אומזיניג איז מיין זוכן פאַרן אמת.
סיסטעמאַטיש — איז קעגן פון מיין געדאַנק;
געדולדיק — טראָג איך מיין שיקזאַל
מיט מיין שטענדיקן געזאַנג.

די קונסט - צייט — צו רעכענען האָט מיר געלערנט.
שטונדן קוקן אין איין דונקל - פּוינט;
איך זע זיך אליין אַ טאָרסאָ, אָן פיס און הענט.
פרעג איך:
צי האָט זיך דאָס אַלעם געלוינט? . . .

ווי ווייסער רויך

איך זויג חלומות פון זיסע נעכט,
מיט פולער פרייד, ווי עפּעס וואָלט געשען
און די שענסטע טרוימען פּונקט ווי עכט,
וואָלט עס אמת׳דיק געווען.
מיט גרינע טריט, ווי פליגלען ווייך.
ווי אויף וואָלקנס וויגן זיך שפּרודלדיק,
ווי ווייסער רויך,
ווי פּוך — הויך, הויך.

די אַלטע צייט ווערט ניי,
מיט טאַנצנדיקן שפּרונג.
מיט ווילדן דריי און שריי —
מיט אַ באַטעמ׳טן צונג.
מיט גוואַלט עס פּלאַטערט דאָס נייע ליד,
ווי אַ שיכור יום-טוב׳דיקער ייד:
געבענטשט זיי גאָט;
אַ ברכה דיר, וואָס נאָך כוח האָט מיין טראָט.

ביכער

די ביכער אין מיין עטאַזשערקע, מיט קאָלירטען חן,
ווי פון נעקאָטין דונקל-געל
און אַנדערע פרייש און חנ׳עוודיקע, שיין:
אַנדערע, ווי פרויען הויט, שיינענדיק און העל.
אַ, וויפיל מאַרך און זאַפט האָט מיין ליפּ
פאַרכלינעט, מיט געשמאַקן אַראָמאַט
פון קלוגע קעפּ, וואָס האָבן איינגעזאַפּט
פון שלאָפלאָזע נעכט מיט ראָזעווע אויגן
און מיך קליגער געמאַכט!

די נאָמענלאָזע

פאַרטרייב אַלעס פון זיך
און צינד אָן מיט פרייד דיין וואָרט
און דערפריי מיט גיכן טראָט —
דיין פערלאָרענעם אָרט.

פון די פאַרברענטע, פאַרשעמטע,
די נאָמענלאָזע געזיכטער,
וואָס גרינצלען אין דיינע זיכרונות;
מאַכן דאָס לעבן — געוויכטער.

ווערסט זיך ניט פאַרשעמען — ניט!
האָסט די האַק ניט באַרירט
און ווי טרויעריק דיין צער זאָל ניט זיין: —
האָסט דיין האַנט מיט בלוט ניט באַשמירט . . .

דאָ איז מיין היים, מיין לאַנד

אומפאַרשטענדלעך, ווי בליץ - פלינק,
ניט אויפגעבויט האָט קלאָר מיין געדאַנק
דעם צעשטורעמטן, אויפגעפראַלטן טראָפּ,
וואָס האָט צעשטריילט מיר מיין קאָפּ.

דערפריי דיין אייגענעם זאָרג,
שטרעק אוים דיין ווילן — האַנט:
ביים אָפּ אַ שטיק פון דער ערד.
שריי אוים: דאָ איז מיין היים, מיין לאַנד!

און די אברים, די ניט אויסגערוטע,
די וואַנדערער, די ניט געטרייסטע
וועלן אומפאַרשטענדלעך — איינבייסן די ערד,
געפונען אַ רו - אָרט און — אויסגעלייזטע.

וואָס וואָלט איך אָן דיר געווען?

ווען איך בין אַליין, רעדסטו צו מיר.
דו רעדסט, דורך מיר, מיר דוכט;
איך פיל די ווייסע, ווייכע, אָרעמס אַרום מיר.
דיינע געפאַרבטע נעגל, שטעכן מיר אין האַלדז;
דיינע געפאַרבטע ליפּן — מיינע זוכט,
און איך ווער פאַרזונקען אין דיר . . .

ווי שווער דאָס לעבן זאָל ניט געשען, —
דו מאַכסט מיר גרינג און לייכט:
וואָס וואָלט איך אָן דיר געווען?
ווי די זון ביי נאַכט:
אָן וואַרימקייט, אָן שמייכל, אָן געזאַנג: —
אַ טויטער וואָרט אָן קלאַנג.

א ו מ ר ו א י ק

אומרואיק איז מיין אָטעם,
אומשולדיק איז מיין וואָרט.
בעטנדיק, קריג איך אימער
פון הימל, מיין גאָט.

מיין טעגלעכן ברויט אָנצוזעטן.
מיין דיינקען זאָל זיין קלאָר;
מיין היים זאָל פילן רו —
קיינער זאָל מיין פרייהייט נישט מינערן אַ האָר.

אָן אָפּן מח — צו דיינקען,
צו דיינקען, צו זען, מיין ריכטיקן וועג:
קריגעריש מייד אוים מיין ברעג —
גוט־געשטימקייט זאָל קומען — מיין שטעג.

צבוע־יאַקעס, פערשוואַרצן מיין הימל,
צבוע־יאַקעס מאַכן אומרואיק מיין וואָך: —
אָ, גאָט! וואָרום, זאָג מיר, וואָרום?
מיט אַלימען דאַרף איך שטיין אין קראָך . . .

איך בלאָנדזשע מיט אָפענע אויגן,
זומפּיק, גליטשיק, וואו נאָר איך טרעט;
דער ווייטאָג פון אומגערעכטיקייט שרייט:
ווען ציניקער, אַהינטער דיך באַרעט.

ס'איז נאָר וואָס בעגאַנגען אַ זינד

ווי מיין טראָט איז מיד
און אַלעס און נאָכאַלעמען
אין יעדן גליד,
קלאַפּט דער טאַנצנדיקער פּולס:
טיק־טאַק, טאַק־טיק!

די נאַכט יאָגט, די שרעקעדיקע שעה
ווי איבער מיין באַק
וואָלט אַ מאַגנעטיש בערשטל מיט אַ ציפּ
דורכגעזוינגט, ביז דער זיבעטער ריפּ,
מיט אַ ציטערדיקן קנאַק.

עס לויערט אַ געהיימער קלאַנג
און וועקט, מיט קלאַפּענדיקע פינגער,
ווי אַ וויינענדיקער שטיל געזאַנג
פון אַנימדאַאיקן זינגער.
און ווייט האָט אָפּגעהילכט פון באַרג־שפּיץ,
ווי דער פאַרגיין געשריי פון אַ פערלאָזטן קינד
און פון חלל, האָט דורכגעשניטן אַ בליץ: —
ס'איז נאָר וואָס באַגאַנגען — אַ זינד! . . .

צו אבלום

כ׳האָב אבלום אין מיין וואָזע ארייַנגעשטעלט.
פריש, ריחדיק און רייצענד פאַרן אויג;
איר ווייסקייט, מיט בלענדקייט האָט געהעלט —
איך נייג פאַר דיר, מיט שטילן בויג.

אָ, צאַרטע בלום, ביזט ווי אַ בתולה שיין
צו קוקן אויף דיר ווערט נישט מיד מיין אויג.
— גאָט האָט אין דיר ארייַנגעגאָסן פול מיט חן,
דו, און מיידל, ווי געקנאָטן פון איין טייג.

איך קוק אויף דיר און זיך דערמאָן —
אַמאָל, מיין ווייב, האָט אויך געבליט ווי דו:
איצט, איר שמייכל, האָט קיין איינציק צאָן,
אין אַ קניינטש, ווען, איר שיינקייט ווייזט זיך וואו.

אויך דו וועסט באַלד דיין חן פאַרלירן גיך,
— געל און טרוקן וועט דיין ווייסקייט גיין:
אָ, גיב מיר פאַרגעניגן, ווייל דו זעטיקסט מיך.
ווייל ווי דו איז אויך אַמאָל מיין ווייב געווען שיין.

צו די הימלען פון גאָט

פאַרהער מיין איינציק וואָרט,
דערמאָן זיך דעם קלאַנג
פון אַ פאַרגעסענע ליד,
וואָס איז געווען אמת׳דיק געזאַנג.

ווידער חזן אין תלית געהילט,
האָט געשטעלט וואָרט, מיט נאָט;
דערפרייט מיט קלוגשאַפט געפילט
צו די הימלען פון גאָט.

פאַרן קומענדן טאָג פון זיג

מײַנע פינגער קריגן זיך צווישן זיך.
נישט ווי אייגענע פון איין האַנט.
וואָס קאָן איך זאָגן צו מײַן אייגן גליד ;
וואו ליגט דער פערשטאַנד ?

די ערד דרייט זיך, ווי א כנוכה דריידל
און מיט אַזוי פיל וויי ;
זאָל דער ווייטיק פון בלינדער צייט
פאַרגיין, מיט ווילד געשריי.

און אויפשײַנען, מיט ענטוועד פון האָפענונג,
ווי דאָס נייקום פון אַ קינד ;
און צעטרייסלען מיט זײַן אָנקום - זאָג,
ווי דער פרילינג ווינט.

און מײַנע פינגער וועלן ווערן גלידער
ניט פרעמדע : ווי אין קריג
און אויפלייכטן, וועלן שטערן, ווי לידער,
פאַרן קומענדן טאָג פון זיג . . .

שוועדע מערכה

שווערע מערכה :
ווער האָט דיך צו מײַן שוועל צוגעפירט ?
טאָמער אַ שטראַל האָט די זון דורכגעשפּיזלט,
האָסטו נישט פאַרגונען :
ווי קאַלט אייז איז צורונען.

שווערע מערכה :
האָסט נישט פאַרגונען, אַ וואַרימען אָטעם,
פאַר מײַן צעטרייסלטן גוף, וואָס גייט פאַרחלשט :
אומדאַנקבאַר, איז צייט צו דעם,
וואָס בייגט זיך ניט — פאַר דעם — מיט אַ שם . . .

לאַנד פון מיין האָפענונג

לאַנד פון מיין האָפענונג און וואַרטן,
האָט מיך פערהאַרטעוועט.
אין וואָגל-וועג, מיט שטייפע טריט;
צו זוכן אַ שטענדיק בעט.

אין דעם נאַכטיקן חשך,
האָט דיין לייכט טורעם מיך צעשטראַלט.
די שטערן אויף דיין בלאָען הימל האָבן געדייצט,
אַז באַלד
וועט אויפבליצן מיט געשאַלט.

האָסט פאַרשטאַרקטיקט מיך מיט האָפענונג,
מיט קרעפטיק ווילן צו זען
די מערכה, וועט אויפשיינען —
ווען די ברכה וועט געשען.

אַזוי וועט זיין

וועמען זאָל איך מיין וויי דערציילן?
ברעכט אין שטילקייט מיין געמיט.
ביז מיין וואונד וועט זיך פאַרהיילן —
מוז איך גיין מיט ניט זיכער, טריט.

גיי איך מיר אויף שטילע וועגן,
איינזאַם איז מיין וועג אליין.
קיין שמייכל קומט מיר נישט אַקעגען —
עלנט, איינזאַם, ווי אַ שטיין.

כ'האָב מיין ליבע אָפגעגעבן,
אָן באַליינונג — מיט ליידן פיל;
אזוי וועט זיין ביז סוף מיין לעבן —
אָן פריידן און אָן פידל שפיל . . .

צום שפּעניקער

בלינדע, טאַפּעדיקע װעגן,
טראָגן דעם אָפּגעשװאַכטן געװיסן פֿון מײַן איך;
װי פֿאַרגליװערטע װאָלט געלעגן,
אונטער די אָפּזאַצן פֿון מײַנע שיך.

אַ װערעמל אײַנגעבױגלט טיף פֿאַרחלומט,
אים קימערט נישט פֿון זײַן געפֿאַר;
ער איז פֿאַרװעבט אין זײַן אײגן װעלטל
אין געטומל־רױש פֿון מענטש, דעם נאַר.

דעם שיקזאַל פֿאַרן װאָרים,
װעט גאָט אפֿשר פֿאַרבאַהיטן:
װײַל אפֿשר האָט ער שמינה־עשרה געפּראַװעט
אין רױשיגער גאַס — אין דער מיטן.

גאָט באַשיצט אי מענטש, אי װאָרים.
אױף אים איז יעדער אָנגעשפּאַרט:
גרױזאַם איז גאָט׳ס שטראָף
צום שפּעניקער, איז ער האַרט.

גאָטס שליחות

עס קומט צו מיר די ביטערניש,
מיט קינה־קלאָגעדיקע קלאַנגען;
מיט יאָכיק צער, מיט האַרצן רים
פֿון יוגנט טרױם געפֿאַנגען.

דער טאָג איז װײַט פֿון זיסן „טראַנס”,
צו פֿילן זײַן געזאַנג.
פֿון שלאָפֿענדיקע־פֿילן ליגט מײַן קאָפּ
װי אין געפֿאַנג.

די צייט פֿאַרמאָגט נישט פרייען שלאָף,
נאָר וועבט סעקונדן פֿאַלשן טרוים:
נאַדיר אומרו; חלום, חלום פֿאַלשן האָף —
ס׳איז זויפֿן-בלאָזן — קוים . . .

אין ערלעכע שיינקייט, זאָל טרעטן דיין טראָט,
אין שבת-יום-טוב׳דיקער רו.
און אין וועג פֿער׳טלית דיין געדאַנק —
גאָטס שליחות אויספֿירן — מוזסטו!

די לעצטע טריט

לאַנד פֿון מיין האָפֿענונג און בייִנקען,
ווי אַ שיינע, יונגע פֿרוי,
דאָס אַלע צאַרטע טעג פֿון האָפֿן,
דעקן מיינע האָר מיט גרוי.
לייגן מיינע האָפֿענונגען, ווערטלאָז,
ווי אונטער זון דער טוי.

ווי דער שימל-ראָסט אויף שטייענדיקע וואַסער
אויף אונדזער געביין.
וויגט זיך, ווי אַ טלית-בלויער סאַמעט,
מיט פֿאַרשיקטן געוויין.
און רייסט די פֿאַרגאַנגענהייט פֿון האָפֿענונג:
געבליבן איז אַ מצבֿה-שטיין.

אין נאַכטיקע שאָטן׳ס, ווי פֿינגער קנייפֿן
מיט שאַרפֿן שניט:
די פֿינסטערקייט כירעלאָגיש*) ווייזט מיין צייכן
פֿון די לעצטע טריט.

---

*) שטום לשון.

זינג אוים

זינג אוים מיט יום־טוב׳דיקע הנאה;
טאַנץ אוים, די אומעטיקע נעכטנס — הינטן שטעל
און לייען פּרשות מיט געריפּלטע רצועות
און די טייפל־וואָלקנס וועלן בלייך ווערן ווי מעל.

אין די איינגעזאַמלטע פאַלדן בטחון טראָג,
פאַרכטיק טאַנצאונטער, ווי שיכורדיק פון ווייַן.
די ברעכענדיקע יאָך־טעג וועט לייכטער זיין די וואָג
און ווי אין יום־בראשית: יהי־אור, וועט וואַרימען
דיין פּיין.

זמרדיק דיין טראָט; כהן־גדול׳דיק דיין תפילה.
שחט אוים די געשעענדיקע, ברענענדיקע ביטערקייט
און געלייטערט וועסטו ווערן, ווי אַ לייִדיק מאָגן נאָך גילה
און ווי אַ יונג געבאָרן קינד וועסטו פילן די ריינקייט.

ווען לעבן דריקט שווער

אין טויט קאָנסטו געפינען אַ געדאַנק,
ווען דער לעבן איז האַרט און קאַלט.
האָט טויט דעם שבלדיקער געוויכט
און הויפּט די האַק און שפּאַלט.

נו, זיצן מיט פאַרוויינטע הענט און זאָרגן,
וואָס שאַלן ווי שופרות אין געהער,
איז זיכער דעם האַמער־קלאַפּ פון טויט —
ווען לעבן דריקט שווער . . .
די געטרייסטע טריט, וואָס טראָגן
ענטפערס, פון שופרות אָנזאָגן:
פון די פאַרוואָגלטע טעג, וואָס טראָגן
פון אונדזער פאַרלאָרענעם פאַרמאָג . . .

מיינע פינגער זיינען לייכט

מיינע פינגער זיינען לייכט
און גלעטן ווי דער ווינט איבער דיינע האָר.
און ציען שטראַלן פון דיינע זוניקע ברעמען,
מיט גאָלדן-מאַטן ליכט,
וואָס בלענדט פון דיין געזיכט
און טראָגן מיך אַוועק אין ווייטע האָריזאָנטן,
לייכט, ווי אַן געוויכט.

אין דעם חלל, אומבאַוואוסט,
וואָס ליכטיקן אין דונקל בלוי,
מיט גאָלד-זילבערדיק, שלעפן אויף ווייטקייטן
פון דיינע בריסט —
אין אַ צויבערדיקן חלומדיקן פאַרגעניגן,
וואָס פאַרזיסט . . .

אני-מאמין

מיין אויג שנייט דורך דעם האָריזאָנט,
מיט אַ ווייענדיקן בליק:
ווען איך האָב פליגלען, וואָלט איך געקאָנט
פליען, זוכן, דיר, מיין גליק.

איך זע דיינע גליענדע בתולהדיקע אויגן,
ווי לבנה ליכט פאַרביינקט
די ענערגיע אין זיי, האָבן מיך צוגעצויגן:
וואָלסטו כאַטש אַ שמייכל מיר געשיינקט!

אני-מאמין, אַז דו ביזט דער אליין
קיום, פאַר דער ערד:
דיין טראָט איז שטיל, קינדיש-קליין: —
וואָס בין איך קעגן דיר אַ ווערד? . . .

נאַר גאָט אַזאַ קונסטווערק שאַפן האָט געקענט

אין פרימאָרגן: ביי מיין זייט, האָב איך
דיך אין פולן רייץ געזען;
ווי אַ וואונדער מאַרמול סטאַטוע
פון ווייסן שטיין וואָלסטו געווען.
און דאָך, אין שענסטן גאָלד באַצירט,
ווען מיין האַנט האָט דיך באַרירט.

גאָט האָט דיך פון מיין ריפּ געפורעמט,
צו ליכטיקן מיך און זעטיקן;
בייגזאַם דיר אויסגעטורעמט
נאָך איינער פון זיינע געטינס;
אַלעם אין דיר, פלאַקערט, ברענט —
נאַר גאָט אַזאַ קונסט ווערק שאַפן — האָט געקענט.

אין כוואַליעס פון פאַרגעסנקייט

ווי די גאָלד צעגאָסענע זון,
אַזוי גיסט דיין שמייכלדיקער געזיכט.
מיין נשמה, וואָס וויברירט און וועקט
אין אומרו, אין שטוב געדיכט;
ווי טויט וואָלט מיך געשטיקט —
דאַן דיינע אָרעמס מיך פאַרוויקט.

אין כוואַליעס פון פאַרגעסנקייט,
שפינסטו חלומות, רואיקע, גרינגע,
ליכטיקע, זוניקע, וואַרימע ליכט.
און ווי צויבערגלעקער וואָלטן קלינגען
אויף זילבער-וואָלקנס, פרייע, הייכע
און אַלץ אין חלל — פאַר אונדז — זינגען — — —

איך בין אימער דער קרבן

אָט ביזסטו מלאך, גוט; אָט שלעכט ווי דער שלאַנג;
אָט ביזסטו טוב, און אָט רשה.
אָט מילד דיין וואָרט, אָט מיט טיגערישן קלאַנג;
אָט ציסט די נעגל, ווי קינזשאַלן.
דיין גאָלדן קלאַנג, ווי דונערן שאַלן
און בליצן פון דיינע אויגן פאַלן . . .

גאָט האָט פאַרמישט דיין גוטסקייט מיט גאַל —
אין קאָלירלאָזן פאַרב, אין בלומען-בליק;
אין דיין הימל-בלוי פאַרב, פאַרמישט אַ מוטנעם שטראַל.
און דיין טויבישן מויל, ווי אַ ראָב וואָס פּיקט.
דיין בליק פון אַ קינד, ווערט פּלוצים, אַ טיגער —
איך בין אימער דיין קרבן — דו, דער זיגער.

איך זיץ פערטראַכט

מיט אומעט קומט אָן די נאַכט
ארום דער וואַלד איז גרין באַוואָקסן.
די גליענדיקע זון, די ערד פערסמאַכט,
און מיד געמאַכט אין יאָך די אָקסן.

אַרום די פעלדער פון היץ אָטעמען אָפּ.
די בערג, ווי קייטן אַרום זיי צאַמען;
רויטע זון-שטראַלן, ווי מיט גאָלד געשפּינט;
ווי געמאָלענע בילדער אין גאָלדן ראַמען.
איך זיץ פערטראַכט אין זון פאַרגאַנג,
און טראָפּונס שוויים, קילן מיין שטערן.
דער נאַכטיגאַל האָט צעטרילט זיין געזאַנג
און אין הימל האָבן זיך צעזונגען די שטערן.

קליין ביזסטו

ביזסטו א קליינע מיידעלע,
ווען איך קוק נישט אין דיין בלאסן פנים,
קליין ווי א קינד.
נאָר ווען דיינע בלויע אויגן גלעטן מיך,
ווי א זאַכטער פרילינג ווינט
און פאַכעט לינד.

קליין ביזסטו
נאָר דיינע בריסט טראָגן מיט זיך לוסט.
לוסט און באַגער, ווי א פרילינג ווינט.
דו האָסט געוואוסט,
אז איך וועל דיר נאָכגיין בלינד —
ווי נאָך א מוטער גייט נאָך, א קינד.

אין טיפן פאַרגעס

ווען איך בינד זיך מיט דיר —
ווי איך וואָלט געדיכטעט א שיר.
פון בלויען גאָלד געשפונען פון א צויבער האַנט
און נאָר די וועלט עקזיסטירט נישט פאַר מיר:
ווי אויף וואָלקנס וואָלט איך גישפאַנט,
געבונדן האַנט אין האַנט.

אין טיפן פאַרגעס.
אין אומבאוואוסטן גאָלדן אטמאָספער
פון פילענדיקן אראָמאַט, וואס בלענט,
ווי פון האַשיש — וואו און ווער —
ווי אויף פליגלען טראָג דיך אויף די הענט
ווי צויבער קלאַנגען נאָר איך הער.

מ י י ד ל

מיידל, דיינע פעך־שווארצע צעפּ
און דיינע שווארצע קאַרשן אויגן,
האָסט גיקלעטערט ווי אויף טרעפּ,
וואָס האָט נאָך מער דיין קערפּער אויסגעבויגן.

ביזט געלעגן אויף די גראָז,
פּונקט ווי בערג און טאָלן:
אפּנים אומשולדיק ווי אַ האָז
פון נאַטור אליין געמאָלן.

וואָס זשע שפּינען דיינע אויגן?
ווי אומענדלעך שפּרייט די נאַכט;
דיינע ליפּן, שטייפע, צו קושן זויגן
און טיף מיט ציטער, קוקסט פערטראַכט.

ב אַ נ אַ נ ד

איך האָב דיך געזען מיט דינע טריט,
געציילטע, ביזטו געגאַנגען;
און אַ רויטן שירם, איבער צעפּלאָמטן קאָפּ,
ווי אַ הימל איז געהאַנגען.

פאַרשעמט האָבן דיינע אויגן אַרויף געשטראַלט,
איך האָב דיר מיין שווערע האַנט געצייגן.
און דו, דיין קליין־הענטל, אין מיינע פאַלט
און קושן זי, האָב זיך צוגעבויגן.

ווי בלוט רויט, האָט דיין פּנים זיך אָנגעטרונקען.
און דיין הענטל האָט געציטערט אין מיין האַנט:
דיין קאָפּ טיפער נאָך געזונקען,
און אַוועק שפּאַצירן מיט מיר — באַנאַנד.

ווי אַ שיינע מעשה

איך וועל שטיקער, פֿון פֿרילינג, אין מיין זכרון
באַהאַלטן, פֿאַר מיינע שפּעטע יאָרן,
ווען דער בלאָנדער קאָפּ וועט זיין הויל
און די פּיס זיך שלעפּן פֿויל . . .

דאָן וועל איך מיט ליבע טראַכטן פֿון דיר,
ווען איך בין געשטאַנען ביי דיין טיר;
מיט אַ קלאַפּענדיקע האַרץ, ווען איך האָב אָנגעלונגען:
— קומט אַריין! קומט אַריין, פֿריינט, מיט אויגן
    אָנגעצונדן.

יענעם פֿרילינג־טאָג, וועט ליכטיקן מיין זכרון;
וויפֿיל דורכגעשוואומען האָבן יאָרן;
וויפֿיל זומערן, וואַרעמע, וויפֿיל ווינטערס, קאַלטע,
    ווייסע,
אין זכרון פֿליען בילדער — ווי אַ שיינע מעשה.

אימער מיט דאַנקבאַרקייט

איך וועל דיר פֿריי־לאָזן, ווי אַ פֿויגל.
אויב דו ווילסט מיין בעט פֿאַרלאָזן;
איך וועל מילד, מיט לייד, דיך באַבליקן
און וועל דיר נאָך צוטראָגן אַ בוקעט־ראָזן.

קיין בייז וואָרט, קיין כעס אין די אויגן:
איך וועל דיר נאָך בענטשן, פֿאַר די בלויע שעהן: —
אויב דער שיקזאַל, האָט צוטיילט אונדזביידן —
צוגוטן וועל איך טראַכטן, ביז מיין קאָפּ וועט גראָען.

די העלסטע יאָרן האָב איך מיט דיר געטרונקען.
דיין שיינעם קאָפּ, וועל איך טיף אין האַרצן טראָגן —
פֿון בלאָע שעהן, פֿון העלע נעכט, וואָס וועט לייכטן —
אימער מיט דאַנקבאַרקייט, וועט מיין פֿולם פֿאַר דיר שלאָגן.

דעם טרוים פון נייעם לעבן

ווידער חלום פון אַ שיינעם פרילינג,
וועבט זיך, ווי אין טומאַן.
— באַשערט איז מיר וואו אין אַ ווינקל
אַן איבערבלייב פאַראַן.

גאָלד, די זון פאַר די אויגן.
פערל־מוטער, וואָלקנס שוועבן.
איך און זי אויסגעצויגן.
אויפן גרינעם גראָז מיר וועבן
— מיט אַ תפילה אין די הערצער
. . . דעם טרוים פון נייעם לעבן

האָב דערפרייט מיינע טריט

איך האָב באַקרעפטיקט מיין וואָרט,
מיט ווידערשפעניקטן ווילן.
מיט פאַרהייליקטן דויער
אין אַ תפילה׳דיקן שטילן.

האָב דערפרייט מיינע טריט
; אין רו־טאָג פון שבת־קודש
אין ריינקייט, אין זאַטקייט מיין געמיט
און מיט מלך דודס אשיר
פאַרביסן,
— — מיט א כוס וויין פון קידוש

זוך איך מיין אייגן שטאַם

מיין לעבן האָט געהאַט אַ ציל,
מיין לעבן האָט געהאַט אַ ווערט,
האָט סטאַלין מיט זיין בלוטיק שפּיל
מיין שיינם חלום מיר צעשטערט.

איצט איז נאָר געבליבן מיר
צו האַסן אַלץ, וואָס שיין געווען,
צו זוכן נאָר אַ פרייע טיר —
ווען כ׳וויל אַרויס איך — קען! . .

וואו איז דער שיינער אידעאַל?
אַ חלום נאָר די שיינע רייד?
פון הויכן באַרג — אַ שרעקלעך פאַל:
אין היטלערס וועגן סטאַלין גייט.

כ׳גלויב ניט מער אין שפּיל פון וואָרט,
כ׳גלויב ניט מער אין שיינע רייד:
איך זוך אַן אייגן ווינקל, — אָרט —
פאַר מיר סאָוועטן זיינען טויט! . . .

מיין בליק איז צו מיין אייגן לאַנד,
צו מיין פאָלק, מיין אייגן שטאַם:
מעג בלוטיקן מיין לייב, מיין האַנט —
מיר זיינען פעניקס אין דעם פלאַם.

פייער קאָן אונדז נאָר פאַרברענען,
פונקט ווי פעניק ווערט ניי געבאָרן:
פאַרניכטן וועט אונדז קיינער קענען —
אַזוי האָט גאָט זיך לאַנג באַשוואָרן . . .

1950

איך האָב געזוכט

דו האָסט געוואָרפֿן דײַנע בײַסענדיקע בליקן,
ווי שפּיזן צוהיצטע אין שלאַכט:
דו האָסט מײַן געבויגענעם רוקן,
נאָך קרומער געמאַכט.

אין דײַנע ליפּן טראָגסטו פֿולהאַס.
עס שרײַען מײַנע פֿערמאַטערטע גלידער;
עס בײַטשט אויף מיר דײַנע ברענענדע אויגן,
ווי מײַנע צעזאָדענע לידער.

פֿיל טראָפּנס שווײַס, ווי האָגל־שטיינער פֿאַלן,
און מײַנע ווײַסע ליפּן שרײַען: —
איך האָב מײַן פֿרילינג מיט טוי־לאָזן אָטעם
געזוכט, אַ שײַדוועג פֿון דיר זיך בעפֿרײַען.

וועמען אַרט עס פּאַר מײַן לעבן

נאַכט. נאַס און פֿינצטער. שפּאַן נאַס אײַן, נאַס אויס.
עס דריפּלט שטיל אַ רעגן, ס׳פֿאַלן טראָפּנס בלויז.
קאָפּ געהויבן, ווי אַ הויקער, שווער די פֿיס ווי בלײַ.
ס׳כריפּעט אַרויס אַ הוסט מיר — אַ שטאָך אין זײַט —
אַי, אַי!
וועמען אַרט דאָס פּאַר מײַן לעבן? גײ אַ וואָגלער אום;
ס׳נאָגט און דריקט אין בוזים עלנט, איך שפּאַן.
געבווינגן שטום.

קינדער לידער

פון מיין קינדהייט

האָט מאַמע אַ בייטש-געטאָן מיט אירע אויגן
און דאָס איז שוין געווען באַפעל.
דאָס האָט געמיינט, שלאָפן גיי זיך לייגן,
ביי איר אַריינגאַנג אויפן שוועל.

האָב געוואוסט דאָס מיינט, אַ טאָג אַ שלעכטער
און אין האַרץ מיר רודערט, שטורם.
ווען זי ברענגט פרנסה, ז'טאַטע מיט געלעכטער —
איז אין הויז שמחות — פורים.

מיט פאַרקלעפּטע אויגן פלעג איך וואַרטן,
קוקן אין דער בלינדער נאַכט.
ביים לעמפּל פלעגט טאַטע נייען פוטער—האַרטן
און זינגען שטיל אַזוי פאַרטראַכט.

האָב געוואוסט, ברענגען מאַמע וועט אַ זעמל—זימן
אָדער צוקערלעך פאַר מיר:
אָך, דער טעם גן-עדן יעדער ביסן —
דער טאַטע פלעגט דאָן אָנקוועלן פון איר . . .

ס'האָט טאַטע ביזן טיפן שפּעט געאַרבעט,
ער האָט ליב געהאַט צו בויען שטיבער:
פאַר דיר, מיין זון, וועט דאָס זיין אַלעס שפּעטער —
דו פון אַלע קינדער מיינע ביסט מיר ליבער . . .

ד אָ ד אָ ד אָ

אַביימעלע, אַ צווייגעלע; אַ פייגעלע, אַ טשיר.
אַ יינגל קייט אַ בייגעלע, אַ מאַמע שטייט אין טיר. —
„אַ ציגעלע אַ ווייסינקע״ לויפט אַרום אין גאַס:
לויפט איר נאָך רויט מאַטעלע, שמייסט זי מיט אַ פּאַס.

שרייט דער רבי, הער נאַר, דו! שווין אין חדר קום!
וואַרפט ער פאַס אַוועק און לויפט אונטער טיש און שטום.
פרעגט רבי: וואו איז מאַטעלע, ניט אין גאַס—ניט דאָ?
לאַכן קינדערלעך און כיקען און זינגען: — דאָ! דאָ! דאָ!

א י ן ש ל י ט ן

איך און מיין ברודערל און מאַמע אין מיטן,
וואַרעם איינגעטוליעט, זיצן אין שליטן:
דער טאַטע אין קאָזליע, פערד לויפן פלינק;
די גלעקלעך קלינגען: קלינג—קלינג—קלינג!

די גאַס איז אַ ווייסע, דער שליטל זיך גליטשט.
די באַקן פאַרפראָסטיקט, דער טאַטע — האַקט - שמיץ!
די פערד לויפן,, האָפּ, האָפּ — בייטש גיט אַ סווישטש! . . .
כ'טוליע זיך צו מאַמען, און דער שליטן זיך גליטשט . . .

אַ פויגעלע זינגט אויף אַ בוים

אַ פויגעלע זינגט אויף אַ בוים,
און רחל'ע, שטיל, הערט זיך צו.
רייסט זי אָפּ פון אַ צווייגל אַ פלוים,
און בייסט איין און זאָגט: פו! . . .

ווייל רחל'ע האָט אַ רויע פרוכט
פון בוים אָפּגעגליקט — גאַר נאָך גרין;
אַז ס'איז רייף, האָט איר זיך געדוכט —
ווייל ס'האָט פון איר געזויגן — אַ בין.

קינדערלעך, קינדערלעך

קינדערלעך, קינדערלעך, לויפט נים!
ס'איז גליטשיק דאָך איצטער אין גאַס;
ס'קאָן נאָך אַ סיבה'לע טרעפן —
אָן אומגליק קומט פיל מאָל פון שפּאַס.

ס'איז גרינגער פאַרמיידן אַ סיבה,
ווי ליידן פון ווייטיק דערנאָך";
מע קאָן זיך אָן אבר קאַלעטשען
און אפשר אין קאָפּ זיך אַ לאָך.

אָט אַזוי שפּילט אַ מיידעלע

אָט אַזוי שפּילט אַ מיידעלע
מיט איר קוקלע קליינינקע.
זי טוט איר אָן אַ קליידעלע
און שיכלעך ווייסע, שיינינקע.

זי זינגט פאַר איר אַ לידעלע,
ווי איר מאַמע זינגט פאַר שלאָפן גיין.
איר קול'כל ווי אַ פידעלע
און זי אַליין אַ קוקלע שיין.

וויגט זי, וויגט זי, פּופּע אירס,
ביז אַנטשלאָפן זי ווערט אַליין;
חלומט זי אַ שווערן חלום —
וועקט זי אויף זיך מיט אַ געוויין . . .

גייט דער זיידע

גייט דער זיידע מיט געציילטע טריט,
דער רוקן טיף געבויגן.
אַ שניי, אַ שווערער, שיט און שיט,
מאָרגן וועט אַ וועג זיך לייגן.

קינדער שפּילן זיך אין שניי,
קוגלען פליען הין און קאַריק.
אַ הינטל יאָגט זיך נאָך, נאָך זיי,
פאַרטיק שטייט אַ שניי־מענטש־דיק.

קומט זיין אייניקל אַקעגן,
נעמט דעם זיידן אונטער אָרעם:
היט זיך, זיידע, ס׳שניי און רעגן;
איז דיר, זיידע, זאָג, כאָטש וואַרעם?

יאָ, מיין קינד, ס׳איז ניט קאַלט מיר:
ערשט געקומען ביסט פון חדר?
טוט אייניקל מיט האַנט אַ פיר:
קשיות פרעגט מען ביים סדר!

— עה, עה, דו שטיפער, קליינער,
טוט אים זיידע אין באַק אַ קניפּ.
לאַכט ס׳אייניקל מיט ווייסע ציינער,
מיט אַ פאַרקאַשעט שיינער ליפּ.

קומט דער זומער

קומט דער זומער, ווער איך פריילעך,
שפרינג איך ווי אַ ציג;
לויף איך נאָך די זומער-פייגעלעך
און אויף די גרינע גראָזן ליג.

און אַמאָל גייט מיט מיין שוועסטער,
און איר חברטע מיט איר;
שפילן מיר זיך אין באַהאַלטנס,
שווער איז זיי געפינען מיר.

שפילן מיר זיך, ביז די מאַמע
זאָגט ס'איז צייט צו שלאָפן גיין;
עסן וועטשערע מיר אָפּ
און דאָס בעט איז גרייט און ריין.

קינדער, קינדער

קינדער, קינדער, פאַר די הענט, אין אַ ראָד געדריי;
טאַנצן, טרייסלען זאָלן ווענט, פאַרהילכן זאָל געשריי.
קינדער דאַרפן פריילעך זיין, קינדער ווייסן ניט קיין זאָרגן,
קינדער דאַרפן זון און שיין, ווי בלומען טוי אין מאָרגן.

קינדער, קינדער, פאַר די הענט,
הייבט די פיסלעך, האָפּ, האָפּ, האָפּ:
זאָלן זיך טרייסלען בריק און ווענט
און ווי בלומען — יעדער קאָפּ.

אַלע קוקן נאָך מיר

אַ בריוועלע געקראָגן פון מיין אַלטן זיידן,
איז באַלד אַ הונדערט און קאָן אַן ציינער ריידן.
האָט אַ קלייד אַ שיינע, מיר צו מיין געבורטסטאָג
פון בלומען זייד געשאָנקען, איך טראָג זי אַלע טאָג.

אַלע קוקן נאָך מיר
און זיינען מיך מקנא;
דאַנק איך איצט מיין זיידן,
און דאַנק מיין באָבע חנהן.

מיין קלייד צו לאַנג אַ ביסל,
נאָר מאַמע זאָגט סע מאַכט ניט:
איך וועל נאָך אונטערוואַקסן —
מ'עט זען נאָך מיינע טריט.

און איך האָב ליב די קליידל,
די טאַשמעס און די קווייטן.
גיי איך מיר שפּאַצירן,
מקנא-אויגן מיך באַגלייטן.

אַ קינדעלע

אַ קינדעלע, אַ קינדעלע,
ברענגט די ליכט אין הויז,
און מאַכט לעבן שווערן גרינג,
אַ שמעקנדיקע רויז.

אַ קינדעלע, אַ קינדעלע,
בינדט די היים מיט פרייד;
אַ שטענדיק ליבע וועבט עס איין
און פאַרטרייבט די נויט.

דאָס שמייכעלע, דאָס בו־בו, בו,
ווי מוזיק וואָלט געשפּילט:
ווער קאָן דעם שאַץ, דעם אוצרל,
וואָס טאַטע־מאַמע פילט.

די שרעק פאַר קינד, ווען ס׳טרעפט, ס׳איז קראַנק,
די פרייד ווען ס׳לאַכט — אַ בלום;
דער ערשטער טראָט, דעם ערשטן שפּאַן —
די שטוב מיט אים איז אומעטום . . .

פּערלען פרייד

נאַכט פאַלט צו מיט סאַזשע פּנים,
מיט פייער פינקלדיקע אויגן,
גענעצט אויס אַ גרויסן גענעץ —
הייסט קינדער זיך שלאָפן לייגן.

זינגען מאַמעס פאַר די קינדער,
מאַכן קינדער איינצושלאָפן;
וואַכן טאַטעס, מאַמעס שמייכלען,
מוטער ליבע פול מיט האָפן.

חלומט קינד פון מאַמעס בריסטן,
שמאַצקען ליפּעלעך און זויגן.
טאַטעס, מאַטעס, גליק אין הארצן,
פּערלען פרייד פון מוטערס אויגן.

שלמהלע און דער זיידע

שלמהלע, זונעלע, קום נאָר אַהער,
כ׳וויל דיר אַ פֿראַגעלע שטעלן:
לערנען אין שולע פֿאַלט אויף דיר שווער,
צי שפּילן אין „באַל״ וואָלסטו וועלן?

שטייט שלמהלע, שטייט און טראַכט,
האַלט דאָס פֿינגערל אין מויל,
און די אייגעלעך פֿאַרמאַכט,
ענטפֿערט ער פּאַמעלעך — פֿויל:

— לערנען, לערנען האָב איך ליב,
שפּילן באַל האָב איך ניט פֿיינט.
— פֿאַר דיין ענטפֿער — אַ פּעני גיב,
וועסטו קויפֿן „טשואינג-גאָם״ היינט.

— כ׳וועל דיר שטעלן נאָך אַ פֿראַגע,
אויב דו ענטפֿערסט קריגסט נאָך אַ פּעני!
ווערט דעם ייִנגל שווער די לאַגע —
ווילט זיך שאָקאָלאַד, ס׳גייט אַזש פּיענע...

— נו מיך הערן, זיידע, זיידע,
און ער שטעלט אַן אייגעלעך קעגן;
קוקן זיי זיך אָנעט ביידע
און דער זיידע הויבט אָן פֿרעגן:

— וועמען ליבסטו מער פֿון ביידן,
צי דיין טאַטן, צי דיין מאַמען?
און ער ענטפֿערט גלייך דעם זיידן —
איך ליב זיי גלייך צוזאַמען.

שטעלט דער יינגל האַנט אים קעגן,
און ער וואַרט פאַר אַ צווייטער פּעני.
אויפן טיש איז שוין געלעגן
אַ שאָקאָלאַדקע מיט וואַרעניע.

כאַפּט עם שלמהקע אָן אַ פרעגן,
דאַנקט דעם זיידן — היידאַ — פיף,
און זיין הינטל קומט אַקעגן;
כאַפּט דאָס הינטל מיט אים אַ שטיף.

מוטער-ליבע

אַ מוטערס ליבע צו איר קינד,
אַ מאַגנעטיש-פאָדים בינדט איר צו,
אַזוי ווי צום עפּל דער צווייג בינדט —
ווי מוטער-ליבע, איז דאָ גרעסער וואו?

מיט ערשטן בליק, מיט ערשטן ברוסט-צי,
פליסט ליבע גליק — פילט איר האַרץ:
נאַכט צי טאָג, צי אין דער פרי —
איין געדאַנק בליט אין איר האַרץ.

אין בליק פון קינד — אַ חלום טראָגט זי;
אין זיין שמייכל, אין זיין פלאַפּל,
וועבט איר מוח — אַ שאַץ פאַרמאָגט זי —
אין איר מוטער-ברוסט גיט אַ צאַפּל . . .

חנה׳לע

חנה׳לע, פּאַנעלע, דין ווי אַ שטעקעלע,
נאָר לעבעדיק, פריילעך איז זי:
אַ צײנדעלע זילבערט אין מויל ווי אַ טשוועקעלע,
שטייט אויף, ווען האָן קרייעט פרי.

הענטעלעך קריכן אַריין צו דער מאַמען
און ציען די ברוסט צו דעם מויל;
די הענטעלעך דריקן ברוסט ווי אין קלאַמען,
זעטיקט זיך אָן און ווערט פויל.

בלייבט ליגן אַזוי, אַ מידע, אַ מאַטע
און ווערט ווידער אַנטשלאָפן אַמאָל.
ביז צו דער אַרבעט דאַרף גיין דער טאַטע;
זויגט חנה׳לע ברוסט נאָך אַמאָל.

בורקעט שוין חנה׳לע, באַלבען די ליפּעלעך,
אַ פינגערל שטופּט זי מאַמען אין אויג:
כאַפּט מאַמע ס׳פינגערל אַריין ווי אַ קניפּעלע
און טוט אים אַ קוש מיט אַ זויג.

צעקלינגט חנה׳לעס לאַכן, זילבערנע גלעקעלעך,
צעהילכט אין דער גאַנצענער הויז!
און ס׳צעבליט זיך ווי בלומען חנה׳לעס בעקעלעך,
איר קעפּעלע פונקט ווי אַ רויז.

און גליק ווערט אָנגעפילט אין טאַטן און מאַמען
און פילט זייערע הערצער מיט פרייט:
חנה׳לע אין מיטן, מע האַלט זיך צוזאַמען—
קושט זי טאַטע, איידער צו אַרבעט ער גייט.

כ׳פֿרעג דיך, ווײַדע

כ׳פֿרעג דיך, ווײַדע, קאָנסט מיר זאָגן?
אפֿשר קאָנסטו מיר דערקלערן?
פֿון דײַן לאַנג-לעבן, מוזסט פֿאַרמאָגן
עפּעס וואָס, וואָס ס׳ווערט צו הערן.

וואָס, מײַן קינד, און אפֿשר יאָ, וואָס?
געלעבט האָב איך אַ ערלעך לעבן;
האָב קיינעם נישט באַרעדט, באַליידיקט,
נישט געאײַלט מײַן טראָט געגעבן.

אין צײַט געגעסן, אין צײַט געשלאָפֿן,
גאָט געלויבט, אין פֿרי, אין אוונט;
קיינעם האָב איך נישט געשטראָפֿן,
קיינעם נישט פֿאַרשאַפֿט קיין וואונדן.

האָב ליב געהאַט אַרום די שכנים,
געטיילט מיט זיי מײַן יעדן בימן;
אויך איך בײַ זיי, מיר אַלע אינאיינעם,
וואָס בײַ אַ צווייטן פֿלעגן ווײסן.

גאָט איז גוט, אויב ס׳פֿעלט, געהאָלפֿן,
אַן אַ פֿראַגע פֿלעגט מען געבן —
אַזוי גוטמוטיק און אָן דאגות,
האָב איך דערגרייכט מײַן טיפֿן לעבן.

מאָטל און זיין הונט

מאָטל האָט געהאַט אַ „קאָלי" הונט,
א „קאָלי" הונט האָט לאַנגע האָר.
זיין נאָמען איז געווען ביוטי,
פלעגט ליבן גרייזשן ביינער נאָר.

וואו ער פלעגט אַ ביין דערטאַפּן
פלעגט ער מאַכן פון אים אַ תל;
דאַן פלעגט ער זיך גוט באַלעקן,
און לייגן שלאָפן זיך ביים שוועל.

מאָטל און זיין שוועסטער

מאָטל האָט געהאַט אַ שוועסטער,
איז זי געווען פעט און שיין;
אויגן בלויע, הערלאַך בלאָנדע,
רויטע באַקן און פול מיט חן.

צוקער־עפל, פלעגן אַלע,
אַלע קינדער רופן זי —
מעקסי פלעגט זי אָבער רופן:
פעטע שוועסטער דאָראָטי.

מאָטל און די קאַץ

מאָטל פלעגט ליבן צו שפּילן
מיט קעץ און מיט הינט;
האָט ער גענומען זיין קעצל
באַפאַרבט זי מיט טינט . . .

האָט קעצעלע דעם ריח פון טינט
ווייסט אוים ניט געשמעקט,
איז זי אריין אין מאָטלס בעט,
זיך געלייגט און באַלעקט . . .

האָט זי געוואַשן די האָר זיך,
געוואַשן, געלעגט
אזוי האָט זי מאָטעלס קישן
מיט טינט באַפלעגט . . .

איז מאָטל אין כעס געוואָרן,
טרייבן גענומען די קאַץ;
איז קעצל אויף אים בייז געוואָרן,
האָט אים געגעבן אַ קראַץ . . .

מאָטלע דער קינסטלער

מאָטעלע קען מאָלן בילדער
מיט בליישטיפט און מיט טינט;
מאָלט מענטשעלעך און פערדעלאַך
אי קעצעלאַך, אי הינט.

האָט ער זיין לערער אויסגעמאָלט,
פיל שענער אים געמאַכט!
קיין לאַנגע נאָז . . . און בייז אויך ניט,
אַ פּנים שיין וואָס לאַכט.

ער האָט דאָס בילד אין שול געבראַכט,
דעם לערער עס דערלאַנגט;
דער לערער האָט באַטראַכט דאָס בילד
און מאָטעלען באַדאַנקט . . .

רחל׳ע און די קאַץ

זיצט רחלע פאַרשפּילט, פאַרשטראַכט
אויף די טרעפּלעך פון איר הויז,
דערזעט זי ווי עס יאָגט אַ קאַץ,
כאַפּן אַזאַ ברעקל מויז.

„שעם זיך״, זאָגט זי צו דער קאַץ —
„זע, ווי קליין דאָס מייזל איז,
בלויז מיט אַ קראַץ ברענגסטו זי אום,
ביסט אַנטקעגן איר אַ ריז!״ . . .

די קאַץ, זי ענטפערט „מיאו, מיאו״, —
„היינט קיין וואָרעמס ניט געהאַט —
רחל, מיש זיך ניט . . . איך מוז
עפּעס עסן, כ׳וויל זיין זאַט! . . .

נאָר אויב דו האָסט אַביסל מילך,
פליישׁ אַ ברעקל — דאָס וואָס כ׳וויל;
גיי גיב אַ זוך און גיב עס מיר
און מיין הונגער ווערט מיר שטיל . . .

אַ לעק, אַ ביים; אַ ביים, אַ לעק —
און איך יאָג ניט נאָך קיין מויז,
דערנאָך דאָ לייג איך זיך אַוועק,
וואָרעם אויף דער זון זיך אוים״ . . .

ענטפערט רחל — „קום מיט מיר״.
קאַץ גייט מיט מיט איר אין הויז; —
„נאַ, עס; נאַ, טרינק אַ ביסל מילך,
אָבער לאָז צורו די ברעקל מויז״ . . .

האָט אויסגעלעקט די קאַץ די מילך
און געמיאַוקעט: „כ'וויל אַרוים!"
אין דרויסן האָט זי זיך באַלעקט:
און זאַט געפילט זיך אָן אַ מויז . . .

רחלע און דאָבעלע

רחלע און דאָבעלע, זיינען שוועסטער צוויי,
האָבן גוטע קעפּעלעך — ביכלעך לעזן זיי.
אַלע טאָג אַ מעשהלע, לייענען זיי אויס,
און די קליינע רחלע, זיצט און לעזט אין הויז.

רחל לעזט ניט ביכלעך בלויז, שרייבט שוין לידלעך אויך,
לעזט די לידלעך אָפּט אין שול, אויפן קול'כל הויך . . .
און די קליינע דאָבעלע, אויך זי האָט טאַלאַנט,
טאַנצן קען זי . . . און זי איז שוין מיט אַלץ באַקאַנט.

אַ קאַזאַצקעלע ביי איר איז גראַציעז, מיט חן.
אירע פיסלעך הויבן זיך, ריטמיש, גלייך און שיין . . .
און אַ שטימעלע האָט זי, זינגט זי אַזוי שיין,
טענער זיסע פּערלדיק, זאַפטיק, קלינגענד-ריין.

רחל האָט שוין לידעלעך פּאַר אַ ביכל גרייט,
אַלע אויסגעשליפענע, גלאַט דער ריטם גייט.
האָט שוין אויך אַ פּאַררעדע, ווי מיט שרייבער גלייך,
זוכט שוין אַ פאַרלעגער אויך — קלייבט זיך ווערן רייך . . .

דאָבעלע, זי וויל שוין אויך אויף דער בינע גיין;
אָך, וואָלט זי זיך וועלן זען אין די „מאָוויס" שוין . . .

אַ האָן און אַ הון

אַ האָן און אַ הון, — פּאָר זייער געשפּיל —
געמאַכט זיך אַ נעסט ניט ווייט פון אַ מיל.
דער האָן האָט געקרייט מיט ווילדן געשריי,
די הון פלעגט פאַר שרעק באַלד לייגן אַן איי . . .

פינף מאָל אין אַ טאָג, פלעגט קרייען דער האָן;
די הון האָט געוואוסט, וואָס זי דאַרף דאַן טאָן . . .
די הון האָט געלייגט פינף אייער אַ טאָג.
און אייער די גרויס — אַ פונט אויפן וואָג.

אַזוי איז אַוועק, אַ יאָר נאָך אַ יאָר;
אַזוי האָט געלעבט ס'געפליגלטע פּאָר.
ווען ס'איז שוין געווען פון אייער אַ באַרג,
איז הון מיט אַמאָל געוואָרן גאָר קאַרג;

אַנשטאָט אייער פינף, געלייגט האָט זי פיר;
געקרייט האָט דער האָן מיט גוואַלדן אויף איר.
די הון, אַנשטאָט פיר, געלייגט האָט גאָר דריי
און קליינע דערצו, כאָטש לייג זיך און שריי.

און האָן האָט געקרייט מיט ווילדן געשריי:
די הון, אַנשטאָט דריי, לייגט איצט שוין גאָר צוויי!
צערייסט זיך דער האָן: געהערט גאָר אַזוינס? —
און הון, אַנשטאָט צוויי, געלייגט האָט נאָר איינס!

דערנאָך איז אַוועק אַ חודש און צוויי,
איצט לייגט שוין די הון ניט אַפילו קיין איי . . .
דער האָן האָט געקרייט: — איז זי ניט פאַרביי?
געקוועטשט האָט זיך הון: — עס קומט ניט קיין איי.

געקרייט האָט דער האָן:
ס'קומט ווינטער, ס'איז קאַלט;
געענטפערט האָט דער הון: —
„און איך בין שוין אַלט" . . .

ל י י ב ע ל ע

לייבעלע איז אַ גרויסער שטיפער,
שלאָגט זיך מיט אַלע יינגלעך;
אָפט מאַכט מען אים שוואַרצע אויגעלעך,
און פילמאָל אויסגעהאַקטע ציינדלעך.

מיטן לערער איז ער אויך ניט גוט,
פאַרן לערער האָט ער מורא;
צרות פאַרן לערער אין זיך שטיקט ער,
ווייל לערנען מוז מען תורה.

צו מיר, צו מיר

אַ טריטעלע, אַ טרעטעלע,
שטעל אַ פיסעלע מיין קינד:
קום צו מאַמען קינדעלע,
צו דיר, מיין לעבן בינד.

אַזוי, אַזוי, אַ, פויגעלע,
הענטעלעך ווי פליגעלעך,
פול מיט שרעק דיינע אויגעלעך,
ציטערסט ווי אַ ציגעלע.

צו מיר, צו מיר, גיך, קינדעלע —
באַשיצן וועט דיך — מאַמעלע:
בו—בו, מיין קליינע הינדעלע;
ס׳באַלד אומלייפן מסתמא׳לע . . .

דער פאַרכּישופטער פּאַלאַץ

פאַרבלאָנדזשעט האָט חייקע, פאַרלוירן דעם וועג,
זי גייט אָן אַן אָפּשטעל דריי נעכט און דריי טעג.
און פּלוצלינג דערזעט זי פון ווייטן אַ שײַן;
אַ מויער, אַ גרויסער — ווי רײַך מוז דאָרט זײַן?...

זי לאָזט זיך אַהין גיין, זי זעט שוין די טיר,
נאָר וויפיל זי גייט ניט, איז ווייט נאָך פאַר איר...
אַזוי איז פאַראיבער, דריי נעכט און דריי טעג,
געזעצט האָט זיך חייקע אָפּרוען אין וועג...

דערהערט זי אַ ברומען, וואָס קומט אָן פון וואַלד;
אַ בער לאָזט זיך זען — ס'ווערט היים איר, ס'ווערט קאַלט.
ניט שרעק זיך — דער בער זאָגט — אַנטלויף ניט פון מיר,
איך היט אַז קיין שלעכטס זאָל ניט טרעפן מיט דיר.

איך גיי נאָך און היט דיך דריי טעג און דריי נעכט,
איך זע אַז ס'זאָל קיינער ניט טאָן דיר קיין שלעכטס.
וועלף פינף שוין דערהרגעט האָב איך אויפן וועג,
געפירט אויך מיט בערן שוין ניט איין געשלעג...

אָט האָב איך דאָ האָניג אַ שטיק דיר געבראַכט.
האָסט לאַנג ניט געגעסן, קיין אויג צוגעמאַכט!
נעם, עס אויף דעם האָניג, דער האָניג איז זיס.
זי דאַנקט אים זייער הערצלעך און גיט אים אַ קוש.

זי ווערט גלייך אַנטשלאָפן, אַ טאָג און אַ נאַכט.
דער בער טרעט ניט אָפּעט, ער היט און באַוואַכט...
אַ רוע, אַ זאַטע, זי פרעגט ביי דעם בער:
ווער וואוינט אין דעם הויז דאָרט, וואָס קוקט דאָ אַהער?

גענוים — זאָגט ער — ווײס איך, איך פיר דיר אַהין . .
צי האָסטו, זאָג, חייקע, פאַרלוירן דעם זין? —

דערקענסט ניט דײַן הויז דען? נעם, קוק זיך גוט אײַן.
און בער נעמט און פירט זי אין הויז גלײַך אַרײַן.
עס פרייט זיך דער טאַטע, די מאַמע מיט איר,
און פּלוצלינג דער בער ווערט ווארשוואונדן פון טיר . . .

ווי רײַך ס׳איז אין שטוב דאָ, ס׳איז אַלצדינג דאָ שיין;
געווען פול מיט בלאָטע, און איצט — אַזוי ריין . . .
די טישן די טעלער — ס׳איז אַלעס געגרייט: —
וואָס איז דאָ?—טראַכט חייקע פאַרוואונדערטערהייט . . .

בײַ אונדז איז געווען דאָך די קיך אַזוי קליין,
און דאָ, אַזאַ גרויסע און ליכטיק און שיין.
זי שטייט ווי צעטומלט: וואו איז דער בער?
ר׳איז ערשט דאָ געשטאַנען, און איצט וואו איז ער? . . .

צעווײַנט זיך שטאַרק חייקע: דער בער איז אַוועק!
קיין ענטפער גיט קיינער און זי בלײַבט אין שרעק . . .
דערשראָקן זי לויפט אום, אַהין און אַהער: —
קיין מאַמע, קיין טאַטע און אויך ניט דער בער . . .

די צימערן — גרויסע, און זי — אַזוי קליין;
דערשראָקן זי פילט זיך, וואו, ווייסט ניט צו גיין . . .
פון איין צימער לויפט זי אין צווייטן אַרײַן —
וואו טאַטע, וואו מאַמע. וואָס קאָן עס דען זיין? . . .

זי פילט אַז עס קריכט איר די אויגן פון קאָפּ;
עס דאַכט איר, אָט פאַלט זי און זינקט וואו אַראָפּ.
עס דרייט זיך, עס שווינדלט, זי זינקט און זי פאַלט,
פאַר שרעק פילט זי מאָדנע, אין היץ און אין קאַלט . . .

„אוי טאַטע, אוי מאַמע, איך פאַל, אוי איך פאַל" —
שרייט חייקע פאַרצווייפלט — איך פאַל אין אַ קוואַל . . .
זי זינקט ווי אין אָפּגרונט, וואו שווארץ איז ווי נאַכט ;
נאָר פּלוצלינג האָט זי זיך פון שלאָף אויפגעוואַכט . . .

דאָס זעלביקע הייזל, די מאַמע אין קיך ;
דער טאַטע אין ווינקל פאַרלאַטעט דאָרט שיך . . .
די אויגן זי רייבט זיך : — אַ חלום ? דאָס גאָר ?
נאָר חייקע, זי פרייט זיך, וואָס ס'ניט אויפן וואָר . . .

פ י י ג ע ל ע

פייגעלע, פייגעלע,
זינג מיר אַ לידעלע,
ס'קלינגט מיר דיין שטימעלע,
אַזוי ווי אַ פידעלע.

וואָס ליגט אין דיין העלזעלע,
פייגעלע, קליינינקע ?
גלעקעלאַך, טרובעלאַך,
פייפעלאַך שיינינקע ?

טשיר—טשיר—טשיר, טרו—רי—רא,
טשו—טשו—טשו, טשי—טשו—טשי,
זינג, זינג מיר פייגעלע,
אַ שיינע מעלאָדיע . . .

דער פּאַסטוך מיטן הונט

נעכט בלאָע-הימלען מיט שטערן באַזעצט
און אונטען די וועלט איז אַ ווייסע,
טאָ זעצט זיך אַרומעט קינדער און הערט,
איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה.

געוואוינט האָט אַ פּאַסטוך אין אַ שטיבל אַ קליינע,
נאָר אַ שטאָל איז געווען גאָר אַ גרויסע;
ביטאָג פלעגט ער היטן די שעפּעלעך שיינע,
ביינאַכט פלעגט ער וועטשערע עסן אַ הייסע.

נאָך וועטשערע פלעגט ער שפּילן זיין פידעלע,
אַזש טאַנצן פלעגן טישן און שטולן;
דער זייגער אויפן וואַנט פלעגט צוזינגען אַ לידעלע
און הונט מיט אַ טענצל פלעגט בילן.

דער הונט האָט געהייסן גיבור פון פעלד.
דער פּאַסטוך האָט געהייסן ערלעכער מאַן.
און גיבור פלעגט צעטרייבן די וועלף ווי אַ העלד.
און נאָכגיין דעם פּאַסטוך און שעפּסן יעדן שפּאַן.

אַזוי פלעגט ער שפּילן ביז אין מיטן דערנאַכט,
ביז צוועלף, ווען דער זייגער פלעגט שלאָגן.
גלייך האָט ער פענסטער און לאָדן פאַרמאַכט,
נאָר הרובע געברענט האָט ביז טאָגן.

דער פּאַסטוך געלייגט האָט זיך אויף אַ שטיינערנעם זאַק,
דער הונט האָט געלייגט זיך פון הרובע נישט ווייט.
דער פּאַסטוך האָט געלייגט זיך צו קאָפּן אַ האַק,
און זיין פידעלע געלייגטביים זייט.

נאָר אין מיטן נאַכט פֿלעגן קומען מענטשעלעך קליינע
און פֿלעגן אַ סעודה דאָרט מאַכן.
און עסן געווען איז פֿון שענסטן און בעסטן;
קאַטשקעס, געבראָטנס און נאָך גוטע זאַכן.

כלי־זמר, אויף פּייפֿלעך, פֿידלען און פּויקן
און שטימען, מיט זינגער, ווי חזנים:
און איינע אַ מיידל, מיט ברענענדע אויגן,
אַזוי ווי אַ קוקלע — איר פּנים.

זי האָט אויפֿן קאָפּ אַ קריינדל געטראָגן
פֿון דימענטן בלאָע, ווי פֿלאַמיקע־שטערן
און וואָס זי האָט באַפֿעלן און וואָס זי פֿלעגט זאָגן,
צום וואָרט פֿלעגט מען פֿאָלגן און הערן.

זי האַלט אַ גאָלדענעם שטעקל און אויבן אַ פּערל,
און ווען טוט אים אַהויב, קניען אַלע פֿאַר איר:
אַ לייב איז געשטאַנען אין מיט־טיר אויפֿן שוועל,
און אַ מיידל געשפּילט האָט אויף אַ גאָלדענער ליר.

און הינטעלעך און קעצעלעך און פֿייגל, אַלערליי
האָבן געטאַנצט אין אַראָד, אַרום און אַרום.
אין טענער פֿאַרגאַנגען, ווי אין תּפֿילה־געשריי
און פּלוצים איז אַלעס פֿאַרשוואונדן און שטום!

דער האָן האָט געקרייט, מיט אַ קול ווי אַ פֿלייט,
פּלוצים האָט אַ שטים געזאָגט: ס׳טאָגט! —
דער פֿייער אין הרובע, גייט אויס און פֿאַרגייט,
און יעדער הייליק אַוועקגיין זיך יאָגט...

דער הונט האָט געגעבן אַשטייאויף און אַביל,
דער פאַסטוך האָט גיך זיך געגעבן אַ שטעל.
איבערן טייך האָט זיך געדרייט דער אַלטער מיל
און דער פאַסטוך האָט געמאַכט קוכן פון קאָרן־מעל.

דער הונט האָט געקוקט אויפן פאַסטוך, זיין סלינע געלעקט,
דער צונג האָט געאַרבעט אַרויס און אַריין;
די קוכן פרישע האָבן די שטוב אַזש פאַרשמעקט,
דער כלב אויף איין אָרט האָט נישט געקענט
איינשטיין . . .

אַהין און אַהער זיך געדרייט, געשמעקט מיטן נאָז.
געבורטשעט און געקוקט אויפן פאַסטוך מיט געבעט;
דער פאַסטוך קוקט אָן און פרעגט: הונגעריק, וואָס?
און גיט אים אַ קוכן. דערצו נאָך אַ גלעט.

ווערט פאַרטיק דער פאַסטוך. עסט אָפּ און פאַרטרינקט,
טוט אָן זיך און אין זיין כאַלאַט איינגעהילט;
צום כלב ער גיט אַ באַפעל מיט אַ ווינק —
דער כלב, אַזאַטער, גייט נאָך פריילאַך און בילט.

געוואוינט האָט אַ פאַסטוך אין אַ שטיבל אַ קליינס,
נאָר אַ שטאַל איז געווען גאָר אַ גרויסע,
און דאָס איז די מעשה, ניט אמת אַ שיינס?
פון אַ פאַסטוך, אַ הונט און פון שעפּסעלעך, ווייסע.

פאַרוואָס האָט אַ האָז אַ קורצן עק און לעבט אימער אין שרעק

טראָגט זיך, יאָגט זיך איבער גראָז,
ווי אַ מילך, אַ ווייסער האָז,
נאָר ער האָט אַ שוואַרצע נאָז
מיט אויערן פאַרריסן הויך.
פלוצים זעט ער: אויף אַ בייט,
ווי אַ פויגל־שרעקער שטייט,
מיט די אַרבל־הענט צעשפּרייט,
ס׳היטל אויפגעהויבן הויך.

דאָ צעלאַכט זיך שטאַרק דער האָז,
און ער פייפט אַזש מיט דער נאָז,
טוט אַ שנייץ און טוט אַ בלאָז,
האָפּ־האָפּ־האָפּ און טראָגט זיך גיך;
קומט ער צו אַ מערן־בייט,
מערן זיינען זיס און רויט,
נעמט ער פלייסיג און מיט פרייד
מאַכן דאָ אַ סעודה זיך.

רייסט ער אויס אַ רויטן מער,
ציינער האָט ער ווי אַ שער,
עסט ביז זאַט און נעמט אַ מער
און לאָזט לויפן זיך אַ היים.
טראָגט זיך מיטן מער דער האָז:
איבער ערד און איבער גראָז,
שפּירט ער מיטן שוואַרצן נאָז
זיין נאָרע אינם געלן ליים.

און פון ווייטן, העלזלאַך צוויי,
קליינינקע און ווייס, ווי שניי,
קייקלען זיך אַט ווי אַן איי . . .
ווען זיי דערזעען מאַמע-האַז;
שפּרינגען זיי און פרייען זיך.
מאַמע לויפט אומזיסט ניט גיך,
עסן טראָגט זי — אוי פיל איך:
זיסער מער שלאָגט אין דער נאַז.

קומט די מאַמע-האַז און לאַכט:
אוי, האָב איך אייך וואָס געבראַכט.
פרעגן העזעלעך פאַרשמאַכט: —
מאַמע, וואָס האָסטו געבראַכט?
„פריער, קינדער, וואַשט זיך איין,
ברענגט די טעלער דאָ אַריין,
איך דאָס פלעשל רויטן ווײַן,
וואָס האָב נעכטן אייך געמאַכט".

שטעלט מען טעלער אויפן טיש
און דער מער איז זאַפטיק, פריש,
טאַנצן זיי אויף הינטער פיס:
עסן מערלאַך, טרינקען ווײַן.
גייט פאַרביי אַ גרויסער בער,
טראָגט מיט זיך אַ לאַנגע שער,
בלייבט ער שטיין און אָטעמט שווער:
„קען דאָ אפשר, מיט אייך זײַן?" —

לאַדט מען איין דעם גרויסן בער,
מאַכט ער אַלע טעלער לער,
אָנגעשיכורט ווערט ער שווער —
גייט אַ טאַנץ אַהער, אַהין;
אָבער ביסלאַך ווערט ער בייז,
אַזש עס רינט פון אים אַ שוויים,
טרינקט ער ווידער ווערט אים היים,
ער פאַרלירט זײַן גאַנצן זין . . .

כאַפּט זיך מיט אַמאָל דער בער,
אַז ער האָט מיט זיך אַ שער,
טוט ער ניט קיין מינדסטן קלער,
שערט אָפּ יעדן האָז זיין עק.
העזלאך וויינען: ס'טוט זיי ווי,
ס'טוט זיי ווי און ער גייט אַוועק . . .
זינט דאַן אָבער לעבן זיי
מיט עקלאך קורצע און מיט שרעק . . .

פינף מאָטל לידער

די ליבע לידער וואָס איך דרוק אין בוך, זיינען פון מיינע ערשטע שאַפּנגען, ווען איך בין געווען זעכצן, זיבצן יאָר אַלט. אין יענער תקופה זיינען זיי גאָר נישט שלעכט געווען. אין כלל, זיינען ליבע לידער—אוניווערסאַל.

אינהאַלט:

(אַנדערע דייטן האָבן צוויי טיטלען)

אַמאָל און איצט 3
זיי ווי די פויגל 4
שן תחת שן 5
נישט געצייטיקט: — אַ וועלט באַרייזט 6
עם־ישראל איז באַפרייט 7
צו איינעם אַ פּאָעט 8
פּאַרזעס 9
ווי לאַנג וועט עשו 10
שפּיל פון טייפל: — איך טרייסט זיך 11
מיין הונט בלעקי״ 12
שבת קודש; — ווען מען אַרט עס 13
דער פרילינג אַוועק 14
גיי מיט אמת: — און אַזוי 15
שפּין נאָך ווי אין יוגנט געשפּונען 16
מיט פרייהייט מיין ליד: — מרה־שחורה 17
אַ מעשהלע 18
חלום, חלום: — פרילינג האָט ווינטער 19
האַלוצינאַציעס: — מיט אָפענע אויגן 21
ווען דו זעסט דער טאָג פאַרגייט 23
אַ גאַסן־סצענע 24
האַלוצינאַציע 25
כ׳פרעג דיך, מענטש 26
האָב זיך נאָך נישט דעהאַלט 27
מיין מאַמעס צוואה 28
קיינער פרעגט ניט; — ניין האָב געזאָגט 29
נאָר די רויבער פון לעבן 30
דער וואָס פירט זיך אָן חשבון פאַרגייט 31
קלייב איך מיינע בלעטער 31
צוליב דיר: — ווער ט׳מיר געלערנט 32

מיין אויג איז טרוקן קיינמאָל ניט 33
נעם זיך ניט איבער; — כ׳בין אַ בענטשער . . . 34
אַ ליד; — ס׳איז שווער אָן פריינט 35
אַ מיאוסער וואָרט; — יאָרן געוואָרט 36
כהאָב; — די היץ; — ווערטער וואָס וועקן . . . 37
קאַליפאָרניע; — זוך מיין אייגן שטאָם 38
צו וועמען 39
קוקט מען הינטער דיר צוריק 40
גיט מיר נישט קיין וויין 41
אַליין אין וועג; — ס׳פליט אַ שטערן 42
האָב קיינעם ניט נאָכגעמאַכט 43
האָט ער אַ היים זיך געבויט 43
איך בין בייז אויף יעדן 44
אַ מיידל ביים זייט 44

באַלאַדעס, פאָלקס־לידער, ליבעס לידער

איך טראָג אויף דיר קיין כעס ניט 47
אַ טראַגעדיע 48
פריידל 50
ס׳ברויזט אין מיין בוזים 51
האָב זי פאַרזען 52
כ׳וויל אַ מאַן זאָל האָבן מיך האָלט 52
יאָקל; — אַ ראָזעווער דרימל 53
די שפעטע ליבע; — ביסט ווי אַ חלום 54
האָב געהאַט אַ חתן! — איצט בין האַרט 56
האָב געליבט נאָר איינע אַזאַ 57
אַ ליד; — דער נעכטן אָוועק 58
די אָפגעלעבטע פרימאַדאָנא; — עצבות 59
האָסט מיין תפילה צוגעהערט 60
ליבע 61

סאָנעטן

מיט אירע לאַנגע פינגער; — אידיליע 62
אָן איר 63

כ׳וועל קיינמאָל ניט; — שטיי אויף 65
קום 66
א. שעלי; — פריילינג און ווינטיר 68
איך הויב די הענט און רוף 69
טייל דיין פרייד; — ווי איך מאָל 70
פאַלט אַ שניי 71
וויין נישט, מיין האַרץ 72
באַשעפער מיין גאָט 73
גאָט, כ׳קוק צו דיר 74
מלאכים זינגען; — בעט גאָט 75
דו ווער מיין פירער; — גאָט — אימפּאָנירן 76
אַ תפילה; — ווען יו־ען האָט געשטימט 77

נייע לידער

אפשר; — שבתדיקע טאָכטער 78
די עלטער קומט; — פרעג איך 79
ווי ווייסע רויך; — ביכער 80
די גאָמענלאָזע; — דאָ מיין היים 81
וואָס וואָלט איך געווען; — אומרואיק 82
ס׳איז נאָר וואָס בעגאַנגען אַ זינד 83
צו אַ בוים; — צו די הימלען פון גאָט 84
פאַרן טאָג פון זיג; — שווערע מערכה 85
דאָס לאַנד פון האָפנונג; — אַזוי וועט זיין 86
צום שפּעניקער; — גאָטס שליחות 87
די לעצטע טריט 88
זינג אויס; — ווען לעבן דריקט 87
מיינע פינגער; — אני מאמין 90
נאָר גאָט האָט גיקענט; — אין כוואַליעס 91
כ׳בין דער קרבן; — איך זיך פערטראַכט 92
קליין ביזסטו; — אין טיפן פאַרגעס 93
מיידל; — באַנאַנד 94
ווי אַ שיינע מעשה; — מיט דאַנקבאַרקייט 95
דעם טרוים פון; — האָב דערפרייט־טריט 96
זוך איך מיין שטאם 97
האָב געזוכט; — ווען מען אַרט עס 98

קינדער־לידער

פון מיין קינדהייט 99
דאָ ־ דאָ ־ דאָ 100
קינדערלעך, קינדערלעך; — שפּילט אַ מיידעלע 101
גייט דער זיידע 102
קומט דער זומער; — קינדער, קינדער 103
אַלע קוקן נאָך מיר; — אַ קינדעלע 104
פּערלען פרייד 105
שלמהלע און דער זיידע 106
מוטער ־ ליבע 107
חנה׳לע 108
כ׳פרעג דיך, זיידע 109
מאָטל און זיין הונט 110
מאָטעלע דער קינסטלער 111
רחלה און די קאַץ 112
רחלה און דאָבעלע 113
אַ האָן און אַ הון 114
לייבעלע 115
דער פאַרכישופטער פּאַלאַץ 116
פויגעלע 118
דער פּאַסטוך מיטן הונט 119
פאַרוואָס דער האָז לעבט אין שרעק 122